STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05963

# DOS LEBN UN SHAFN FUN DR. FILIP FRIDMAN

Benjamin Orenstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר בנימין אָרענשטיין

# דאָס לעבן

# און שאַפן

## פון

# ד״ר פיליפ פרידמאַן

קורצער ביאָ-ביבליאָגראַפישער איבערבליק

יידישער קולטור קלוב

מאָנטרעאל • 1962 • קאַנאַדע

די אויסגאַבע איז געווידמעט צום אָנדענק

פון ד״ר פיליפ פרידמאַן ז״ל

**צו דער צווייטער יאָרצייט**

**1962 — פעברואַר 7 — 1960**

The Life and Writings of

Dr. PHILIP FRIEDMAN

Short Bio-Bibliographical Survey

by Dr. Benjamin Orenstein

Montreal Canada

1962

# אינהאַלט

זייט

אַריינפיר ........ 4
בילד ........ 5
ד״ר פּיליפּ פרידמאַן ע״ה — פּאָעמע ........ 6
די טעטיקייט פון ד״ר פּיליפּ פרידמאַן אין פּוילן ........ 7
דער חורבן פון פּוילישן יידנטום ........ 11
דער אומקום פון פּוילישן יידנטום ........ 12
די טעטיקייט פון ד״ר פּיליפּ פרידמאַן אין דייטשלאַנד ........ 13
ד״ר פּיליפּ פרידמאַן אין פראַנקרייך ........ 16
ד״ר פּיליפּ פרידמאַן אין ניו־יאָרק ........ 16
אָשוויענטשים ........ 17
די פאָרשונג און ליטעראַטור וועגן חורבן אין אַמעריקע ........ 20
בעלכאַטאָוו יזכור־בוך ........ 22
דער יידישער ווידערשטאַנד קעגן דער נאַצי־הערשאַפט ........ 23
דער לובלינער רעזערוואַט און דער מאַדאַגאַסקאַר פּלאַן ........ 24
יזכור־בוך כעלם ........ 26
מאַרטירער און קעמפער ........ 27
דער יידישער צייכן און דער געלער שטערן אין דער נאַצי־צייט ........ 31
סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען אין אַמעריקע ........ 33
זייערע ברידערס היטער ........ 37
דאָס בוך טשענסטאָכאָוו ........ 41
וועג־וויזער צו דער יידישער געשיכטע אונטער דער נאַצי־אונטערדריקונג ........ 42
יידן אין אוקראַינע ........ 46
ד״ר פּיליפּ פרידמאַן אין מאָנטרעאַל ........ 47
אַלגעמיינע אויספירונגען און מיינונגען וועגן ד״ר פּיליפּ פרידמאַן ........ 48
ביבליאָגראַפיע ........ 51

# אַרײַנפֿיר

דער מחבר פֿון דער בראָשור, ד״ר בנימין אָרענשטיין, איז דער גײַסטיקער לידער פֿון יידישן קולטור־קלוב אין מאָנטרעאָל. זײַנע װעכנטלעכע באַלערנדע לעקציעס איבן אויס אַ גאָר גרויסן אײַנפֿלוס און געשטאַלטן גײַסטיק די מיטגלידערשאַפֿט פֿון קלוב. זײַן גרויסן דרך־ארץ און פֿאַרערונג צום הויפּט־פֿאָרשער פֿון דער חורבן־עפּאָכע ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן ע״ה האָט ער איבערגעפֿלאַנצט אין אונדזערע מוחות און אין אונדזערע געדאַנקען. עס איז פֿאַר אונדז געװאָרן אַ נאַטירלעכע און פֿאַרשטענדלעכע נויטװענ־דיקייט אָפּצוהיטן די יאָרצײַטן פֿון גרויסן היסטאָריקער ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן ע״ה. ביז הײַנט האָט דער קלוב אײַנגעאָרדנט דרײַ אַקאַדעמיעס: די ערשטע איז געװען געװידמעט די שלושים, די צװייטע — צו דער ערשטער יאָרצײַט און איצט די דריטע — צו דער צװייטער יאָרצײַט.

ד״ר בנימין אָרענשטיין האָט נישט אַדורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט צו שרײַבן װעגן ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן ע״ה סײַ װעגן זײַנע ביכער און סײַ געלעגנהייטס אָפּהאַנדלונגען װי אויך ציטירט די װערק אין צענדליקער עסייען. דאָס באַװײַזט, אַז ער קען אויסגע־צײַכנט אַלע היסטאָרישע װערק, װאָס ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן ע״ה האָט פֿאַרעפֿנטלעכט.

דער יידישער קולטור־קלוב האָט דעריבער באַשלאָסן אַרויסצוגעבן די בראָשור װי אַ האַנט־בוך און װי אַ לערן־בוך פֿאַר די מיטגלידער פֿון קלוב און פֿאַר די פֿאַראינ־טערעסירטע קרײַזן זיך צו באַקענען מיט דער גײַסטיקער ירושה פֿון ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן ע״ה.

אין דעם היסטאָריש־װיסנשאַפֿטליכן כאַראַקטער פֿון דער אַרבעט װעט זיך דער לייענער איבערצײַגן בײַם לייענען די בראָשור.

יידישער קולטור קלוב אין מאָנטרעאל

שורלי בערענשטיין, היימי װיניצקי

סעקרעטאַריאַט



ד״ר פיליפ פרידמאַן ע״ה

## ד״ר פיליפ פרידמאַן ע״ה

געבוירן אַפּריל 17, 1901, אין לעמבערג,

געשטאָרבן פעברואַר 7, 1960, אין ניו־יאָרק.

---

ער שטאַמט פון לעמבערג, איז אַ צווייג פון אַ חרובן בוים,
זיין לעבן איז אַן אויסגעבענקט ליד, אַ חלום, אַ טרוים,
בענקשאַפט צו דער חרוב געוואָרענער וועלט און ייד,
וואָס ער האָט מיט זיין נשמה באַגלייט יעדן טריט.

זיינע יוגנט זכרונות, טיפן, פיגורן און געשטאַלטן
זיינען פאַרשוואונדן אין אייביקע טונקעלע פאַרנאַכטן —
ווי צייטיקע זאַנגען פאַרשניטן געוואָרן אויף דעם פעלד
אין בלי־צייט, אין גייסטיקן אויפשטייג אַוועק פון דער וועלט.

די טונקעלע פאַרנאַכטן האָבן פאַרשלונגען שטראַלנדע טעג,
לעבנס פול מיט קדושה געפירט צו דעם אומקום וועג,
נישט געבליבן איז קיין זכר, נישט געבליבן קיין קבר,
פאַריתומט איז אונדזער פאָלק, דור און יעדעס אבר.

האָט ער באַהאַפטן פאַקט מיט פאַקט און ביכער אויסגעשמידט,
ווי אַ נר־תמיד וועלן זיי לויכטן און ווערן אָפּגעהיט,
זיי זיינען ווי לעבעדיקע מצבות — היסטאָרישע ווערק,
שאַפונגען פון גרעסטער באַדייטונג און אייביקן ווערט.

## די טעטיקייט פון ד״ר פיליפ פרידמאַן אין פוילן

ד״ר פיליפ (פישל ירוחם) פרידמאַן, דער זון פון לאַזאַר און סאַבינע (פון דער היים שוייג) איז געבוירן געוואָרן אַפּריל 17, 1901, אין דער שטאָט לעמבערג. די שטאָט לעמבערג איז געווען באַאיינפלוסט פון פאַרשידענע קולטורן צוליב איר געאָגראַפישער לאַגע און פּאָליטישע רעזשימען. עס האָבן אין דער שטאָט געלעבט פאַרשידענע סלאַווישע שטאַמען ווי: רוטענער, פּאָלאַקן, רוסן, ווייס־רוסן, אוקראַינער, פאַרשטענדלעך אויך יידן ווי אויך דייטש ריידנדע שטאַמען.

די שטאָט לעמבערג איז געגרינדעט געוואָרן דורך אַ רוטענישן פּרינץ אין דרייצנטן יאָרהונדערט. אין יאָר 1430 איז לעמבערג איינגעגלידערט געוואָרן אין פוילישן קעניגרייך דורך קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן. אויגוסט 5, 1772, האָט די רוסישע צאַרין יעקאַטערינאַ די צווייטע געשלאָסן אַן אָפּמאַך מיט עסטרייך און פּרייסן צוצונעמען פון פוילן אַ פערטל פון איר טעריטאָריע און די דריי לענדער האָבן זיך איינגעטיילט מיט די געביטן, וואָס האָבן זיך געגרענעצט מיט זייערע לענדער. עסטרייך האָט באַקומען אַ שטח פון 32,045 סקוועער מייל פון דער פּוילישער טעריטאָריע אין וועלכע עס איז געווען אויסער די שטאָט לעמבערג מיט איר קרייז געביט אויך די שטעט קרייזן: קראָקע, סטאַניסלאַוו און טאַרנאָפּאָל. די טעריטאָריע איז געוואָרן איינגעגלידערט אין די עסטרייך אונגאַרישע קרוין און במילא אויך באַאיינפלוסט קולטורעל די שטאָט לעמבערג און די גאַנצע אָקופּירטע פוילישע געביטן, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן גאַליציע. אין יאָר 1919 איז גאַליציע צוריק אַריבער צו פוילן ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה. נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע פון יאָר 1945 איז לעמבערג איינגעגלידערט געוואָרן צו דער סאָוועטישער טעריטאָריע.

ד״ר פיליפ פרידמאַן האָט געלעבט און אַדורכגעמאַכט די פיר רעזשימען: צווערשט די עסטרייך־אונגאַרישע קרוין, נאָכדעם די פּוילישע הערשאַפט, לויט דער רייע די גרוילִיקע נאַצי אָקופּאַציע און נאָכדעם די סאָוועטישע הערשאַפט.

ד״ר פיליפ פרידמאַן איז געבוירן געוואָרן אין אַ שטורמישער עפּאָכע, אַן עפּאָכע, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט בכלל און פון יידישן פאָלק בפרט. אַן עפּאָכע פון פיזישן און עקאָנאָמישן געראַנגל פון מזרח אייראָ־פּעיישן יידנטום; פּאָגראָמען, רעפּרעסיעס, פאַרפאָלגונגען און עקאָנאָמישער טעראָר. גלייכצייטיק די אַנטוויקלונג פון אַלע אידעען; גייסטיקע און פּאָליטישע שטרעמונגען אין יידישן לעבן.

פון די קינדערישע יאָרן האָט ער זיך צוגעהערט צו די טאָג־טעגלעכע נייעסן און געשעענישן, וועגן וועלכע מען האָט גערעדט אין זייער שטוב. אַלט זייענדיק 6 יאָר האָט מען שוין גערעדט וועגן דער רעוואָלוציע אין צאַרישן רוסלאַנד, וואָס איז אויסגעבראָכן אין יאָר 1905, וועגן מאַסן־סטרייקן, דעמאָנסטראַציעס, קאַמפן קעגן דער צאַרישער מאַכט, יידן פּאַרפאָלגונגען, אַרעסטן, טעראָר־אַקטן א.אַ.וו. ווען די ערשטע וועלט־מלחמה איז אויסגעבראָכן איז ער אַלט געווען 13 יאָר. דעמאָלט האָט ער שוין געקענט אַליין באַגרייפן און באַנעמען די וועלט קאַטאַסטראָפע און אַלץ, וואָס עס קומט פאַר אַרום זיין פאַמיליע, סביבה, יידישן פאָלקס־לעבן און אויך פון אַנדערע פעלקער. דאָס אַלץ האָט געלייגט אַ געוואַלטיקן חותם, וואָס האָט צוגעגרייט פאַר אים דעם וועג פאַר דעם שפּעטער־דיקן היסטאָריקער, וואָס ער איז דאָס געוואָרן. ער האָט זיין מיסיע אַלס היסטאָריקער דערפילט מיט חשיבות, זאָרגפעלטיקייט, ערע און כבוד.

נאָכן ענדיקן די אַלגעמיינע שולע און גימנאַזיום, האָט ער שטודירט אין העברעיישן לערער אינסטיטוט אין ווין, וווּ ער האָט גראַדויִרט מיט אַ לערער דיפּלאָם אין יאָר 1922. ער שטודירט וויטער אין ווינער אוניווערסיטעט און אין יאָר 1925 האָט ער גראַדויִרט אַלס דאָקטאָר פילאָזאָפיע. צוריקקומענדיק אַהיים קיין לעמבערג איז ער געוואָרן היי־סקול לערער און זיך אויך געווידמעט צו היסטאָרישע פאָרשונגען. זיינע פאַראינטערעסירונגען זיינען געווען: יידישע קולטורעלע, סאָציאַלע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. געשריבן האָט ער גלייכצייטיק אין פיר שפּראַכן: יידיש, העברעייש, פּויליש און דייטש. זיינע ערשטע אַרבעטן זיינען געווען אויף די טעמעס: „יידישע פּראָבלעמען אין גאַליצישן פּאַרלאַמענט", פאַרעפנטלעכט אין חודש שריפט פאַר יידישער געשיכטע און וויסנשאַפט אין ברעסלאַו אין יאָר 1928 אין דער דייטשער שפּראַך. אין זעלבן יאָר האָט ער פאַרעפנטלעכט אין דער העברעיישער שפּראַך אַן אַרבעט אויף דער טעמע: „די פריסטע יידישע ישובים אין אייראָפּע". אין ערשטן באַנד פון פּאָליטישער געשיכטע אין וואַרשע 1928 און וועגן דער יוגנט באַוועגונג אין דער פּוילישער שפּראַך אין זשורנאַל „נאַשע זשיטשע" אין לאָדזש אין 1928.

דר. פיליפּ פרידמאַן איז גלייך געווען אין קאָנטאַקט מיט דער דעמאָלסט יונגער גרופּע היסטאָריקער ווי: ד"ר רפאל מאהלער, ד"ר נ. מ. געלבער, ביידע געפינען זיך אין ישראל, ד"ר עמנואל רינגעלבלום, אומגעקומען אין וואַרשע אין דער נאַצי־צייט, ד"ר יצחק שיפּער, אומגעקומען אין טויטן לאַגער מיידאַנעק, און אַ גאַנצע רייע אַנדערע. די גרופּע האָט אַרויסגעגעבן זאַמל־ביכער אונטערן טיטל „יונגער היסטאָריקער". זיי זיינען אויך געווען אָרגאַניזירט אין דעם אַזוי גערופענעם „אַקאַדעמישער סעמינאַר פאַר יידישער געשיכטע אין וואַרשע — ביים יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט אין ווילנע". אין דעם צווייטן באַנד פון דעם זאַמלבוך, דערשינען אין וואַרשע אין יאָר 1929, איז ד"ר פיליפּ פרידמאַן פאַרטרעטן מיט אַן אַרבעט: „לאַנדווירטשאַפט, קאָלאָני־זאַציע און גרונטבאַזיץ ביי די גאַליציאַנישע יידן". די וויכטיקייט פון דער אַרבעט באַשטייט אין דעם, אַז שונאי ישראל פלעגן שטענדיק פאַרוואַרפן יידן, אַז זיי זיינען אומפּראָדוקטיוו, ווילן נישט אַרבעטן און לעבן פון לופט געשעפטן. ד"ר פרידמאַנס אַרבעט באַווייזט, אַז ווען יידן האָבן נאָר געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו באַזעצן אויף

פאַרמס און לעבן פון ערד־אַרבעט, האָבן זיי דאָס גערן געטאָן. די צרה איז אָבער געווען, אַז עס איז יידן געווען פאַרבאָטן צו קויפן לאַנד. מיט דער אַרבעט האָט זיך ד״ר פיליפ פרידמאַן דערהויבן צו דער מדרגה פון אַ פאַרטיידיקער פון יידישן פאָלק.

ד״ר פיליפ פרידמאַן איז גערופן געוואָרן „דער לאָדזשער היסטאָריקער״ און עס איז טאַקע פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַן אָפּהאַנדלונג פון ד״ר ל. צאַמבער אין די „ליטעראַרישע בלעטער״ אין וואַרשע פעברואַר 3, 1939, אונטערן טיטל: „ד״ר פיליפ פרידמאַן אַלס לאָדזשער היסטאָריקער״. מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס. ד״ר פיליפ פרידמאַן איז געווען לערער פאַר געשיכטע אין ברווידע׳ס היי־סקול אין לאָדזש. ווי נאָר ער איז אָנגעקומען קיין לאָדזש האָט ער גלייך אָגעהויבן צו באַאַרבעטן די געשיכטע פון דער שטאָט און פאַרעפנטלעכט פילצאָליקע אַרטיקלען אין אַ גאַנצער רייע צייטונגען און זשורנאַלן. דער רעזולטאַט פון די פילצאָליקע אַרטיקלען און פאָרשונגס אַרבעטן איז געווען דאָס בוך: „די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש״, דערשינען אין לאָדזש אין יאָר 1935 און אַנטהאַלט 391 זייטן. די געשיכטע פון יידן אין לאָדזש איז אַ גאָר אייגנ־אַרטיקע. אַ ישוב, וואָס האָט געציילט 17 נפשות אין יאָר 1863, איז אין עטלעכע צענדליק יאָר געוואָרן דער גרעסטער אינדוסטריעלער צענטער אין פוילן מיט אַ באַפעלקערונג פון 230 טויזנט נפשות. אין דעם בוך פאַרנעמט זיך ד״ר פיליפ פרידמאַן מיט עקאָנאָמישע, סאָציאַלע, קולטורעלע און דעמאָגראַפישע פּראָבלעמען ווי אויך גלייכצייטיק דעם יידישן בייטראג צו דעם עקאָנאָמישן און קולטורעלן לעבן פון פוילן. דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג און פילצאָליקע רעצענזיעס זענען דערשינען אין דער פרעסע און צווישן אַנדערע פון פּראָפ. ד״ר מאיר באַלאַבאַן, און ד״ר רפאל מאַהלער.

אויסער די צוויי ביכער: „די גאַליציאַנער יידן אין קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקונג״, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1929 אין פראַנקפורט מיט אַ פאָרוואָרט פון פּראָפ. ד״ר סאַלאָ וו. באַראָן און די „געשיכטע פון יידן אין לאָדזש״, האָט ד״ר פיליפ פרידמאַן פאַרעפנטלעכט ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה הונדערט און איין און פערציק אַרבעטן (141) אין פאַרשידענע צייטונגען און זשורנאַלן אין 4 שפּראַכן. יעדע אַרבעט איז פון וויכטיקער באַדייטונג פאַר דער געשיכטס־פאָרשונג פון יידישן פאָלק.

סעפּטעמבער 1, 1939 איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. די נאַציס האָבן אָקופּירט פוילן. דאָס ערשטע איז צושטערט געוואָרן דאָס יידישע גייסטיקע לעבן. אַלע קולטור אינסטיטוציס, שולן זענען געשלאָסן געוואָרן. דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן איז פולשטענדיק רואינירט געוואָרן. וועגן פירן אַ היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכע טעטיקייט איז שוין איבערהויפּט קיין רייד נישטאָ. אַלע פאַרבינדונגען מיט דער אויסערלעכער וועלט זיינען איבערגעריסן געוואָרן.

עס ווייזט אויס, אַז פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה האָט ד״ר פיליפ פרידמאַן איבערגעשיקט אין דער רעדאַקציע „דזשואיש סאָשל סטאַדיס״ צוויי רעצענזיעס: איינע וועגן ד״ר יצחק שיפּער׳ס בוך: „די געשיכטע פון יידישן האַנדל

אין פוילן", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1940, באַנד צוויי, נומער 1, און אין יאָר 1941 אין באַנד 3, נומער 1 וועגן סאָול מ. גינזבורג'ס „היסטאָרישע ווערק".

דאָס יידישע לעבן אין לעמבערג אין דער נאַצי־תקופה איז געווען ווי אין אַלע אַנדערע שטעט. יידן־צייכן, געטאָ, הונגער, נויט, שטערבלעכקייט, צוואַנגס־אַרבעט, פּאָגראָמען, דערשיסונגען, מאַסן פאַרניכטונגען און די אומזיכערקייט פון טאָג. ד"ר פיליפּ פרידמאַן, אַ דאַנק זיינע פּילצאַליקע פריינד, ווערט אויסבאַהאַלטן אין פאַרשיידענע בונקערס, באַהעלטענישן. יעדעס מאָל ווערט דאָס באַהעלטעניש באַדראָאָט און מוז אונטער טויט געפאַר ווידער זוכן אַ באַהעלטעניש אין קאַלטע, פייכטע קעלערס און דומפּיקע בוידעמס. אַזוי איז דאָס געשען אַ צוואַנציק מאָל. עס אונטערליגט נישט קיין שום צווייפל, אַז אין די באַהעלטענישן האָט זיך אין אים אַנטוויקלט אַ קראַנקהייט און דאָס האָט פאַראורזאַכט זיין פריצייטיקן טויט.

ד"ר פיליפּ פרידמאַן האָט אַדורכגעמאַכט צוזאַמען מיט דעם אייראָפּעיישן יידנטום דעם גייסטיקן און פיזישן גערא־נגל. דאָס איז געווען אַ געראַנגל אין בלוט, אין פייער, אין קאַמף און הייליקער קדושה. ווי אַ האַרבסטיקער בוים פון וועלכן אַ בייזער שטורם ווינט האָט מיט דער גרעסטער אכזריותדיקייט אַראָפּגעריסן די בלעטער און צעבראָכן די צווייגן קען מען פאַרגלייכן ד"ר פיליפּ פרידמאַן. זיינע נאָענטסטע פאַמיליע מיטגלידער, פאַלקס־ברידער און שוועסטער, פילצאַליקע תלמידים און תלמידות, ווי אויך זיינע ווערטפולע ווערק זיינען אין נאַצישן פייער פאַרברענט און חרוב געוואָרן. נישט געקוקט אויף דער אומהיילבאַרער וואונד פון חורבן און אומקום, וואָס האָט געפלאַטערט אין זיין האַרצן, האָט ד"ר פיליפּ פרידמאַן זיין גייסטיקן גלייכגעוויכט נישט פאַרלוירן. ווי נאָר עס האָט זיך פאַרמירט די פוילישע פּראָוויזאָרישע רעגירונג אין לובלין, געלינגט אים דאָרטן אַנצוקומען און ער ווערט גלייך נאָמינירט אין דער רעגירונגס קאָמיסיע צו פאָרשן די באַגאַנגענע דייטשע פאַרברעכנס אין פוילן. ווי נאָר די נאַצים זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון פוילן, באַזעצט זיך ד"ר פיליפּ פרידמאַן אין לאָדזש און אַנטוויקלט אַ געוואַלטיקע, ברייט פאַרמאָסטענע טעטיקייט. ער גרינדעט די צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע אין לאָדזש און ווערט פּראָפעסאָר פאַר געשיכטע אין רעגירונגס אוניווערזיטעט. דאָס ערשטע פאַרעפנטלעכט ער אַן אַרבעט וועגן זיין געבוירן־שטאָט לעמבערג, ווי ער האָט אַדורכגעליטן די נאַצי־צייט אונטערן טיטל: „גזרות לעמבערג" אין יאָר־בוך „דבר" אין וועלכן ער באַשרייבט דעם געראַנגל פון לעמבערגער יידנטום און וועגן יאַנאָווער קאָנצענטראַציע־לאַגער. אין זעלבן יאָר האָט ער די אַרבעט פאַרגרעסערט און אַרויסגעגעבן אין אַ בראָשור פאָרם אין דער פוילישער שפּראַך אונטערן טיטל: „זאַגלאַדאַ זשידואַו לוואָווסקיך" (דער אומקום פון לעמבערגער יידנטום), דורך דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע, לאָדזש 1945, און אַנטהאַלט 38 זייטן. די אַרבעט האָט ד"ר פיליפּ פרידמאַן פילפאַך פאַרגרעסערט און פאַרעפנטלעכט אין דער העברעיישער שפּראַך אונטערן טיטל: „חורבן יהודי לבוב" אין דער „אנציקלופדיה של גלויות", באַנד 1, געווידמעט דער געשיכטע פון לעמבערגער יידנטום אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר נ. מ. געלבער, דערשינען אין ירושלים, תל־אביב, אין יאָר 1956, זייטן 748—601. די בראָשור אין יאָר 1945 אַנטהאַלט 38 זייטן און אין דער העברעיישער ענציקלאָפּעדיע 148 זייטן. מיט דער אַרבעט האָט ד"ר פיליפּ פרידמאַן געשטעלט אַ

ווירדיקע מצבה זיין געבוירן־שטאָט לעמבערג. אַלס דירעקטאָר פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע האָט ער פאַרעפנטלעכט אינסטרוקציעס ווי אַזוי צו זאַמלען גביות־עדות פון דערוואַקסענע און קינדער, וואָס איז געווען אַ וועגווייזער פאַר די פּילצאַליקע פראָטאָקולאַנטן, מיטאַרבעטער פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס. אין „דאָס נייע־לעבן" נר. 1, פון אַפּריל 10, 1945, אין לאָדזש, האָט ער פאַרעפנטלעכט אַן אָפּהאַנדלונג אויף דער טעמע: „די יידישע היסטאָרישע פאָרשונג און אירע אויפגאַבעס". אַלס מיטגליד פון דער רעגירונגס קאָמיסיע צו פאָרשן די דייטשע פאַרברעכנס אין פּוילן האָט ער פאַרעפנטלעכט עטלעכע אַרבעטן און נעמלעך: „אָשוויענטשים", פאַרעפנטלעכט אין פּויליש און אין ענגליש אין ביולעטין פון דער רעגירונגס הויפּט קאָמיסיע צו פאָרשן די דייטשע פאַרברעכנס אין פּוילן. גלייכצייטיק איז דערשינען אַ בילדער אַלבום וועגן די דייטשע פאַרברעכנס.

## דער חורבן פון פּוילישן יידנטום

דער חורבן פון פּוילישן יידנטום איז אַ בילדער אַלבום, וואָס איז דערשינען אין דעצעמבער 1945 אין לאָדזש, אַרויסגעגעבן דורך דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן פון וועלכער ד"ר פיליפּ פרידמאַן איז געווען דירעקטאָר. סיי דער אַריינפיר, סיי די אויפקלערונגען וועגן די בילדער, זיינען אין זעקס שפּראַכן, לויטן א"ב: העברעיש, יידיש, ענגליש, פּויליש, פראַנצויזיש און רוסיש. דער בילדער אַלבום אַנטהאַלט 252 בילדער אויף 104 זייטן. דער אַריינפיר אַנטהאַלט 18 זייטן און די שלוס באַמערקונגען וועגן די בילדער אויף יעדער זייט אַנטהאַלט 15 זייטן. דאָס הייסט, אַז דער אַלבום אַנטהאַלט 147 זייטן.

די בילדער אין אַלבום זיינען אויטענטישע און שפּיגלען אָפּ דעם נאַציישן כוליגאַניזם, באַרבאַריזם, באַנדיטיזם און מאַסן מערדעריי. פונוואַנעט שטאַמען די בילדער? דעם ענטפער אויף דער פראַגע געפינט מען אין דעם אַריינפיר, אַז די מערהייט פון די אויפנאַמעס אין דעם אַלבום, זיינען געמאַכט געוואָרן דורך די דייטשן אויפן אָרט פון פאַרברעכן. זיי האָבן זיי שפּעטער געגעבן צו פּריוואַטע פאָטאָגראַפן צו באַאַרבעטן, באַוואָרנענדיק זיך, אַז סיי די קלישעס, סיי אַלע פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס זאָל זיי צוריק־געגעבן ווערן. די פאָטאָגראַפן האָבן גאַנץ אָפט, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, איבערגעלאָזט ביי זיך פאָטאָגראַפישע קאָפּיעס. אַנדערע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמעס זיינען געמאַכט געוואָרן אין געהיים דורך יידן און פּאָלאַקן, וועלכע האָבן געוואָלט איבערלאָזן דער וועלט אַ היסטאָרישן דאָקומענט פון די נאַצישע פאַרברעכנס.

די בילדער זיינען פאַרעפנטלעכט אין אַ כראָנאָלאָגישן סדר און שפּיגלען אָפּ אַלע פאַזן פון דער נאַצישער בעסטיאַלישקייט. צוערשט נאַצישע פּראָוואָקציעס קעגן יידן, רעליגיעזע טעראָר אַקטן, פיזישע פּייניקונגען, דערשיסונגען, פּאָטאָסטאַטן פון אַנטי־יידישע פאַראָרדענונגען, געטאָס: וואַרשעווער, לאָדזשער, וולאָצלאַוועקער, איבערזידלונגען פון קלענערע אָרטשאַפטן אין די גרויסע געטאָס ווי: וואַרשע, קראָקע, לאָדזש, גראָדנע

און קוטנע. בילדער פון געטאָ לעבן, הונגער, קרבנות פון הונגער, קינדער, צוואַנגס־אַרבעט, געכאַפּטע אויסבאַהאַלטענע יידן פון בונקערס, טראַנספּאָרטן צום אומקום אין די טויט־לאַגערן, דאָס אויסרויבן דאָס יידישע פאַרמעגן נאָך די אויסזידלונגען אין די טויט־לאַגערן, די צעשטערטע טלאָמאַצקע סינאַגאָגע אין וואַרשע, הרוגים אויף די גאַסן, עקזעקוציעס אין באַכניער געטאָ, מאַסן תליות פון געהאַנגענע יידן אין וואַרשע, זדונסקע וואָלע און לאָדזש. געטאָס אין בלוט, פייער און רויך. בילדער פון קאָנצענטראַציע לאַגער „האַסאַג״ אין טשענסטאָכאָוו, די טויט־לאַגערן אין אוישוויץ, טרעבלינקע, מיידאַנעק, בעלזשעץ און סאָביבאָר. בילדער פון אַ זייף פאַבריק פון דערמאָרדעטע קערפּערס נעבן דאַנציג. ווייטער זיינען דאָ בילדער פון לעבן, קאַמף און אויסצייכנונגען פון יידישע פּאַרטיזאַנער. דער אַלבום שליסט זיך מיט צוויי זייטן בילדער פון נאָך דער באַפרייאונג, דאָס הייסט נאָכן פאַלן פון דער נאַצי־מאַכט. איין זייט איז אַ סעריע פון בילדער פון אַ פייערונג אין לאָדזש פון באַערדיקן געשענדעטע כלי־קודש און אַדוואָקאַט ב. ווייסקאָפּ האַלט אַ רעדע פאַר דעם פאַרזאַמלטן עולם. די לעצטע זייט שליסט זיך מיט אַ סעריע בילדער פון אַנטהילן אַ מצבה אויפן סימבאָלישן קבר פון די וואַרשעווער אויפשטענדלער, וואָס איז פאַרגעקומען אַפּריל 19, 1945. די רעדעס האָבן געהאַלטן ד״ר ע. סאָמערשטיין און יצחק צוקערמאַן (אַנטעק).

דער בילדער אַלבום איז אַן אומבאַשטרייטבאַרער היסטאָרישער דאָקומענט פון די נאַצישע פאַרברעכנס.

## דער אומקום פון פוילישן יידנטום

די אַרבעט „דער אומקום פון פוילישן יידנטום״ איז דערשינען אין יאָר 1946 אין פויליש און אין ענגליש אין ערשטן באַנד פון ביולעטין פון דער פוילישער רעגירונגס קאָמיסיע צו פאָרשן די דייטשע פאַרברעכנס אין פוילן. די זעלבע אַרבעט, אין אַ פאַרגרעסערטער פאָרם, איז דערשינען ווי אַ בראָשור אין דער פוילישער שפּראַך אין מינכן, אַמעריקאַנישע זאָנע אין דייטשלאַנד, אין יאָר 1947.

די אַרבעט פאַרנעמט זיך אין דער ערשטער רייע מיט סטאַטיסטישע ידיעות און נעמלעך: וויפיל יידן האָבן געלעבט אין פוילן און זייער גורל אונטער דעם נאַצישן רעזשים. אויפן סמך פון דער פאָלקס־ציילונג פון דעצעמבער 9, 1931, האָבן געלעבט אין פוילן 3,113,900 יידן. אויפן סמך פון דעמאָגראַפישע פאָרשונגען שטעלט פעסט ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אַז סעפּטעמבער 1, 1939, איז די צאָל יידן אין פוילן געווען 3,340,000. לויטן סטאַלין־היטלער אָפּמאַך איז די מזרח־טייל פון פוילן אָקופּירט געוואָרן דורך דער סאָוויעטישער אַרמיי און אויף די געביטן האָבן געלעבט 1,115,000 יידן און אויף די געביטן אָקופּירט דורך די דייטשן 2,225,000 יידן.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן שטעלט פעסט, אויפן סמך פון אַ גאַנצע רייע אָפיציעלע נאַצי־דאָקומענטן און עדות דערקלערונגען אויפן נירנבערגער פּראָצעס, אַז די נאַצישע

אויסראָטונגס־פּאָליטיק איז באַשלאָסן געוואָרן אַזוי פרי ווי אין סעפּטעמבער 12, 1939, אויף דער קאָנפערענץ אין היטלערס באַן.

מיטן לויף פון די געשעענישן איז דער סטאַלין־היטלער אָפּמאַך צעפאַלן געוואָרן און די נאַציס האָבן אַרויסגעשטויסן די סאָוויעטן פון די פּוילישע טעריטאָריעס. דערביי זיינען די יידן פון די מזרח געביטן אַריינגעפאַלן אין נאַצישן קלעם, אין די נעגל פון טויט.

ד"ר פיליפּ פרידמאַן דערקלערט, אַז 97% פון פּוילישן יידנטום זיינען אומגעקומען אין די נאַצישע גרויזאַמע שחיטות. געבליבן ביים לעבן זיינען קוים דריי פּראָצענט.

פון וועמען באַשטייען די דריי פּראָצענט לעבנגעבליבענע יידן? אויף דער פראַגע ענטפערט ד"ר פיליפּ פרידמאַן: פון אַזעלכע יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין בונקערס, פון אַזעלכע, וואָס האָבן געלעבט אויף פאַלשע אַרישע דאָקומענטן, פון אויסבאַהאַלטענע אין די וועלדער און פּאַרטיזאַנער קעמפער און רעשטלעך פון די קאָנצענטראַציע לאַגערן, ווי „האַסאַג" אין טשענסטאָכאָוו, אוישוויץ, שטוטהאָף און אַנדערע.

צי האָבן די דייטשן געוואוסט וועגן די נאַצישע מערדערייען איבער די יידן אין פּוילן? ווי באַקאַנט האָבן אַלע דייטשן אָפּערירט מיט דעם פּזמון: „וויר האַבען גארניכטס געוווסט". וואָס דערקלערט ד"ר פיליפּ פרידמאַן וועגן דעם? ער שרייבט, אַז די נאַצי מאַכט־אָרגאַנען אין פּוילן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די אויסראָטונגען, די גרויסע צאָל באַטייליקטע דייטשן אין די מערדערייען, די גרויסע צאָל דייטשן, וואָס זיינען געווען אין מיליטערישן דינסט, די גרויסע צאָל דייטשן, וואָס זיינען געווען אין פּוילן פאַר אינדוסטריעלע און קאָמעריעלע צוועקן האָבן גענוי געוווסט וועגן די מערדערייען, אָבער אויך אַ גאַר גרויסע צאָל דייטשן אין דייטשלאַנד גופא האָבן וועגן דעם געוווסט, ווייל זיי האָבן בענעפיטירט פון די צוגערויבטע זאַכן פון די דער־מאָרדעטע יידן אין פּוילן. מער אויספירלעכער מיט פילצאָליקע עפּיזאָדן באַהאַנדלט ד"ר פיליפּ פרידמאַן דאָס פּראָבלעם אין זיין בוך „אַשוויענטשים".

די בראָשור: „דער אומקום פון פּוילישן יידנטום" איז געווען די גרונט באַזיס פאַר ד"ר פיליפּ פרידמאַן'ס וויטערדיקע ביכער וועגן אומקום פון פּוילישן יידנטום אין דער צייט פון דער נאַצישער טיראַניע.

## די טעטיקייט פון ד"ר פיליפּ פרידמאַן אין דייטשלאַנד

ענדע 1946 האָט ד"ר פיליפּ פרידמאַן פאַרלאָזט פּוילן און איז אָנגעקומען קיין מערב־דייטשלאַנד און אָנגענומען דעם אַמט פון דירעקטאָר פון באַארד פאַר קולטור און דערציאונג ביים צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד. אַזוי ווי אין פּוילן האָט ד"ר פיליפּ פרידמאַן אַנטוויקלט אַ ברייט פאַרצווייגטע און אינטענסיווע טעטיקייט אויף אַלע געביטן פון קולטור און דערציאונג.

די אויפגאַבע פון צענטראַלן באַארד פאַר קולטור און דערציאונג איז געווען צו אָרגאַניזירן און אָנפירן מיטן גייסטיקן לעבן פון דער שארית הפליטה. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט אין גרינדן שולן פאַר קינדער, גימנאַזיעס (היי־סקולס) פאַר די, וואָס זיינען געווען אויף דעם ניוואָ. אָנפירן מיט זיי ,דאָס הייסט, געפינען די פּאַסיקע לערער און לערנביכער. גלייכצייטיק צו דינען מיט ראַט און טאַט די סטודענטן, וואָס האָבן שטודירט אין די אוניווערסיטעטן און געווען אָרגאַניזירט אין אַ פאַרבאַנד. עס איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז אונטער דער אויפזיכט פון דעם אַמט איז אויך געווען אַ צענטראַלע טעאַטער־טרופּע און אויך אַ רעפּרעזענטאַנץ פילהאַרמאָנישער אָרקעסטער מיט סאָליסטן אָריע זינגערס. דער רעפּרעזענטאַנט אָרקעסטער האָט אַפילו געגעבן אַ ספּעציעלן קאָנצערט פאַר די מיטגלידער פון אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל אין נירנבערג. דער באַארד פאַר קולטור און דערציאונג האָט אויך געשיקט לעקטאָרן אין די די־פּי קעמפּס צו האַלטן לעקציעס אויף היסטאָרישע און ליטעראַרישע טעמעס צו דערהויבן דעם גייסטיקן ניוואָ פון די די־פּיס, וואָס זיינען זעקס יאָר געווען אָפּגעריסן פון יידישן קולטורעלן און גייסטיקן לעבן. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז נאָך זעקס יאָר פון דער נאַצישער טיראַניע, נאָך זעקס יאָר געראַנגל צווישן לעבן און טויט, האָבן די באַפרייטע יידן פון די נעגל פון טויט, געגאַרט און געטרוימט צו הערן אַ יידישע לעקציע און צו ליינען אַ געדרוקט יידיש וואָרט. דער באַארד פאַר קולטור און דערציאונג האָט זיך באַמיט מיט אַלע מעגלעכקייטן אַנטקעגנצוקומען דעם פאַרלאַנג פון די־פּיס און די לעקציעס זאָלן פאַרקומען אויף אַן אָרגאַניזירטן אופן אין יעדן לאַגער, צו דערהויבן דעם נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין און צו שטילן דעם גייסטיקן דורשט פון די יידישע די־פּיס. צו דעם צוועק איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ גרופּע לעקטאָרן, וואָס איז אָנגערופן געוואָרן: לעקטאָרן סעמינאַר פון צענטראַלן באַארד פאַר קולטור און דערציאונגביים צענטראַל קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע. איינער פון די אָנפירער פון דעם לעקטאָרן סעמינאַר איז געווען ד״ר פיליפּ פרידמאַן. די לעקטאָרן זיינען זיך צונויפגעקומען איינמאַל אין חודש און אָפּגעהאַלטן אַ סעמינאַר, וואָס האָט געדויערט אַ גאַנצן טאָג, און עס איז באַהאַנדלט געוואָרן אַ טעמע, וועגן וועלכער אַלע לעקטאָרן האָבן געדאַרפט האַלטן לעקציעס. יעדער לעקטאָר איז געווען פאַרפליכטעט צו האַלטן 8 לעקציעס אַ חודש אין 8 באַזונדערע קעמפּס. ד״ר פרידמאַן האָט מיט דעם לעקטאָרן סעמינאַר אויפגעטאָן אַ געוואַלטיקע זאַך און די טעטיקייט וועט זיכער זיין אַ ליכטיק בלעטל געשיכטע פון דער שארית הפליטה. ד״ר פיליפּ פרידמאַן אַליין, וועלכער האָט געהאַלטן לעקציעס פאַרן סעמינאַר איז אויפגעטרעטן כמעט אויף אַלע צוזאַמענפאָרן. גלייכצייטיק האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רייע אַרבעטן אין אַ גאַנצער רייע אויסגאַבן פון דער שארית־הפליטה און נעמלעך: „דער אַלגעמיינער איבערבליק איבער דעם צושטאַנד פון דער יידישער דערציאונג און קולטור־טעטיקייט אין דער אַמעריקאַנישער זאָנע״, דערשינען אין לערער זשורנאַל נר. 1, פראַנקפורט 1947; „דער אומקום פון די יידן אין מזרח גאַליציע״, אין זשורנאַל „פון לעצטן חורבן״, נר. 4 פון מערץ 1947 און צענדליקער אַנדערע אָפּהאַנדלונגען און אין פאַרשידענע צייטונגען. וועגן דער פרעסע און די דערשיינונגען ביכער ביי דער שארית הפליטה האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַרעפנטלעכט אַ ספּעציעלע אַרבעט.

# דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט ביי דער שארית-הפליטה אין דייטשלאַנד

אַ לענגערער עסיי פאַרעפנטלעכט אין חודש זשורנאַל „צוקונפט”, באַנד 54, נומער 3, פון חודש מערץ 1949, אויף זייטן 151—155, מיט אַ דערגענצונג אויף זייט 184.

די שארית הפליטה, וואָס איז באַשטאַנען פון מענטשן, וואָס האָבן זיך על פּי נס געראַטעוועט פון טויט און אומקום, פון די לעצטע רעשטלעך לעבנגעבליבענע קעמפער, האָבן אַרויסגעוויזן אַ געוואַלטיקע וויטאַליטעט אויפן געביט פון היסטאָרישע און ליטעראַרישע פּראָדוקציע. ד״ר פיליפּ פרידמאַן האָט באַצייכנט די דערשיינונג אַלס סטיכאָגראַפיע. דער שטאַרקער ווילן פון וועלן באַשרייבן די איבערלעבונגען אין דער נאַצי־צייט, די געשעענישן פון די געגעבענע שטעט, סביבה׳ס, משפחות, דאָס לעבן און אומקום פון יחידים, גרופּן און גאַנצע קהילות.

דאָס ערשטע אָרט האָבן פאַרנומען די צייטונגען אין אַ צאָל פון אַכציק. 68 זיינען דערשינען אין יידיש (מערסטנטייל אין לאַטיינישער טראַנסקריפּציע) 6 אין העברעייש, 6 אין דער דייטשער שפּראַך, איינע אין רומעניש און איינע אין ענגליש.

די צייטונגען זיינען געווען לאָקאַלע, רעגיאָנאַלע און צענטראַלע. די לאָקאַלע זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך די די־פּי קעמפּס, די רעגיאָנאַלע דורך די רעגיאָנאַלע קאָמיטעטן פון צענטראַל קאָמיטעט אין באַמבערג, רעגענסבורג, פראַנקפורט, עשוועגע און שטוטגאַרט און צענטראַלע דורך דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די באַפרייטע יידן. עס זיינען אויך דערשינען צייטונגען דורך פעדעראַציעס און נעמלעך: פעדעראַציע פון פּוילישע יידן, פעדעראַציע פון אונגאַרישע יידן און פעדעראַציע פון רומענישע יידן. די פעדעראַציע פון ליטווישע יידן האָבן קיין באַזונדערע צייטונג נישט אַרויסגעגעבן און דאָס דערקלערט זיך דערמיט, וואָס די זשורנאַליסטישע כוחות פון די ליטווישע יידן האָבן מיטגעאַרבעט אין די צענטראַלע יידישע און העברעיישע צייטונגען און זיינען געווען גאָר אַנזעעוודיק פאַרטרעטן אין די צענטראַלע אינסטאַנצן פון דער שארית־הפליטה. עס איז כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז עס זיינען דערשינען 18 פּאַרטיי־צייטונגען. עס דאַרף גענומען ווערן אין באַטראַכט, אַז אויסער דעם זיינען דערשינען אַ גאַנצע רייע ביכער וועגן חורבן, ליטעראַרישע שאַפונגען, לערנביכער און פּעדאַגאָגישע ליטעראַטור. זאָל דאָ ספּעציעל אונטערגעשטראָכן ווערן דער פאַקט, אַז עס זיינען דערשינען 25 ספרים פון אויסשליסלעכן רעליגיעזן אינהאַלט. דאָס זיינען: סידורים, הגדות, לוחות, חומשים מיט רש״י און אַנדערע מפרשים, מסכתות, קיצור שולחן ערוך און אַנדערע רעליגיעזע חיבורים. צוליב דעם וואָס אין דייטשלאַנד איז דאַמאָלט נישט געווען קיין יידישער זאַץ, זיינען די אַלע ספרים געדרוקט געוואָרן דורך אָפסעט־פאָטאָ־קאָפּיעס.

די יידישע די־פּיס האָבן באַטראַכט דאָס זיין אין דייטשלאַנד ווי אַן איבערגאַנגס־צייט און אַ פאַרברייטונג צו אויסוואַנדערן צו אַ סטאַבילער היים. זייער כאַראַקטעריסטיש דערקלערט וועגן דעם ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אַז פּונקט ווי אין דער פיזישער

אַזוי אויך אין דער גייסטיקער באַציאונג איז די שארית הפליטה אין דייטשלאַנד געווען אַ ריזיקער הכשרה — לאַגער. יידישע גייסטיקע כוחות זיינען געוועקט און אַקטיוויזירט געוואָרן דורך דער רירעוודיקער יידישער פרעסע און דורך אַנדערע יידישע קולטור אינסטאַנצן און פאַקטאָרן, כדי צו זיין גרייט זיך אַריינצוגיסן אין דעם ים פון יידישקייט ווי אַ קליינער, אָבער שעפערישער שריד ופליט פון אַ גרויסער, פאַרשוווּנדענער, יידישער מחנה. די דאָזיקע יציאת־אשכנז און די ווידער־פאַרייניקונג מיטן יידישן לעבן און יידישן קולטור־באָדן איז געווען זייער ווילן און זייער בענקשאַפט.

דער עסיי איז אַ גאָר וויכטיקע אַרבעט, ווייל זי פאַרייביקט די גייסטיקע שאַפונגען פון די די־פּיס אין דייטשלאַנד.

## ד״ר פיליפּ פרידמאַן אין פראַנקרייך

אין 1948 האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַרלאָזט דייטשלאַנד און איז אַוועק קיין פּאַריז, פראַנקרייך. אין פּאַריז איז ער געווען דירעקטאָר פון דאָקומענטאַציע־צענטער פאַר קעגנווערטיקע יידישער געשיכטס־פאָרשונג. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז דאָרטן געווען אַ גאָר קורצע צייט, דאָך האָט ער זייער פיל אויפגעטאָן פאַר דעם צענטער. ערשטנס צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט אַלע היסטאָרישע אינסטיטוטן אין דער וועלט און צווייטנס דורך זיין פּערזענלעכער באַקאַנטשאַפט כמעט מיט אַלע מחברים פון די ביכער פון דער חורבן־עפּאָכע. אין דער צייט, וואָס ער איז געווען אין פּוילן און נאָכדעם אין דייטשלאַנד האָט קיין שום ערנסטער מחבר, נישט פאַרעפנטלעכט קיין בוך נישט האָבנדיק זיך באַראָטן מיט ד״ר פיליפּ פרידמאַן. ער האָט אַלע מאַנוסקריפּטן געלעזן, געגעבן אָנווייזונגען די מחברים און צו די וויכטיקערע ביכער האָט ער אָנגעשריבן אַריינפירן. אַן אַריינפיר פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן צו אַ בוך איז געווען און איז אַ באַווייז פון די וויכטיקייט פון דער פּובליקאַציע.

אין פּאַריז האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַרעפנטלעכט אַ גאַנצע רייע אָפּהאַנדלונגען סיי אין יידיש סיי אין פראַנצויזיש. די פראַנצויזישע אַרבעט איז אויף דער טעמע: „די ווייסנשאַפטלעכע פאָרשונג וועגן די פּראָבלעמען פון אייראָפּעיִשן יידנטום אין דער לעצטער קאַטאַסטראָפע״, דערשינען אין דער פּובליקאַציע פון דאָקומענטאַציע־צענטער אין פּאַריז 1948. די איבעריקע יידישע אָפּהאַנדלונגען זיינען דערשינען אין יידישן זשורנאַל „קיום״.

פון פּאַריז איז ד״ר פיליפּ פרידמאַן אַרויסגעפאָדערט געוואָרן קיין ניו־יאָרק אַלס לעקטאָר פאַר יידישער געשיכטע אין קאָלאָמביאַ אוניווערסיטעט.

## ד״ר פיליפּ פרידמאַן אין ניו־יאָרק

ד״ר פיליפּ פרידמאַן איז אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק אָקטאָבער 23, 1948. אין ניו־יאָרק איז ער ווי אין פּוילן, דייטשלאַנד, פראַנקרייך געוואָרן אַקטיוו אויף אַלע

געביטן פון היסטאָרישע וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען. אין ניו־יאָרק האָט ער ווי אין די אייראָפּעישע לענדער אויפגעשיינט ווי אַן אוניקום מיט זיין אוניווערסאַלן וויסן און גאונות. ער איז באַטראַכט געוואָרן ווי אַ באַסטיאָן פון אייראָפּעישער קולטור. אַ לעבעדיקע ענציקלאָפּעדיע און ועל כולם אַ לויכטנדער מעטעאָר אין דער יידישער געשיכטס־פאָרשונג.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן איז געווען פּראָפעסאָר פאַר יידישער געשיכטע אין קאָלומביאַ אוניווערסיטעט, ווי אויך וויזיטינג פּראָפעסאָר פאַר יידישער געשיכטע אין אַנדערע אוניווערסיטעטן. זייט דעם יאָר 1951 איז ער גלייכצייטיק געווען דיען פון פאַרייניקטן יידישן לערער סעמינאַר. ער איז געווען אַ מיטגליד אין די באָארד און דירעקטאָרס פון פאָלגנדע אינסטיטוציעס: „ייוואָ״ יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט און פאַר־זיצער פון דער היסטאָרישער סעקציע, אַמעריקאַנער היסטאָרישער געזעלשאַפט, אַמערי־קאַנער אַקאַדעמיע פאַר יידישער פאָרשונג, אַקאַדעמיע פאַר פּאָליטישער וויסנשאַפט, העברעיישער פּען־קלוב און אויך יידישער פּען־קלוב. פאַרשטענדלעך האָט ער אויך געהאַט אַן אָנפירנדע ראָלע אין אַנדערע אינסטיטוציעס ווי דער קלוב פון פּוילישע יידן און אַ גאַנצע רייע אַנדערע.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן האָט פאַרעפנטלעכט פילצאָליקע פאָרשונגס אַרבעטן אין: „ייוואָ־בלעטער״, פּובליקאַציעס פון די אַמעריקאַנער אַקאַדעמיע פאַר יידישער פאָרשונג, „דזשואיש סאָשל סטאַדיס״, „דזשואיש בוך אַניועל״, „בלעטער פאַר יידישער דער־ציאונג״, „יידישער קעמפער״, „צוקונפט״, „ביאַליסטאָקער שטימע״, „אַמעריקאַנער״, „דזשואיש פראָנטיר״, אין העברעיישן „בצרון״ און אויך אין אויסלענדישע פּובליקאַציעס און נעמליך אין „שפיגל״, וואָס דערשיינט אין בוענאָס־איירעס און אויך אין פאַריזער אויסגאַבן.

פון אַ גאָר באַזונדערן ווערטפולן היסטאָריש־וויסנשאַפטלעכן כאַראַקטער זיינען די פאָלגנדע פּובליקאַציעס:

## אָשוויענטשים

דאָס בוך „אָשוויענטשים״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורכן צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס איירעס, 1950 און אַנטהאַלט 224 זייטן. דאָס בוך איז אייגנטלעך די זעקסטע אויפלאַגע, ווייל פאַר דעם זיינען דערשינען צוויי אויסגאַבעס אין דער פּוילישער שפּראַך, איינע אין ענגליש אין לאָנדאָן, איינע אין העברעייש אין ישראל און איינע אין יידיש אין מאָסקווע.

דער אויסדרוק „אָשוויענטשים״ איז אַ סימבאָל פון די גרויליקע פאַרברעכנס פון דער נאַצי־מאַכט, וואָס האָט צעטרייסלט און פאַרניכטעט אַלע עטישע ווערטן פון דער מענטשהייט.

אַשוויענטשים האָט אין זיך איינגעזאַפּט אַ ים מיט מענטשלעך בלוט און אויף אַן אכזריותדיקן אופן מיליאָנען מענטשן דורך גאַז אין טויטע קערפּערס פאַרוואַנדלט. די טויטע קערפּערס זיינען דורך פייערדיקע לאַוועס אין די קרעמאַטאָריומס פאַרברענט און אין אַש פאַרוואַנדלט געוואָרן.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַרופט זיך אויף מאַדאַם מיזויס טייט, וועלכע האָט אין אַפּריל 23, 1945 זיך אומגעקערט קיין לאָנדאָן צוזאַמען מיט ענגלישע פּאַרלאַמענטאַריער, וואָס זיינען גלייך נאָך דער באַפרייאונג דעלעגירט געוואָרן קיין דייטשלאַנד כדי זיך צו באַקענען מיט די דייטשע קאָנצענטראַציע לאַגערן. אויף אַ פראַגע פון אַן ענגלישן זשורנאַליסט האָט מאַדאַם מיזויס טייט פאָלגנדעס דערקלערט: „אַלץ, וואָס מען שרייבט און דערציילט וועגן דייטשע קאָנצענטראַציע־לאַגערן איז אויף קיין איין האָר נישט איבערגעטריבן. עס איז אָבער פאַראַן אַ לאַגער, וואָס איז נאָך ערגער פון בוכנוואַלד און דאַכאַו און דאָס איז דער לאַגער אַשוויענטשים אין וועלכן עס זיינען זייט דעם יאָר 1942 אויסגעמאָרדעט געוואָרן העכער דריי און אַ האַלב מיליאָן מענטשן, דאָס רוב יידן און פּאָלאַקן״.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן האַלט, אַז מאַדאַם מייזויס טייט׳ס דערקלערונג איז אַ ריכטיקע, אָבער די ציפער פון די דערמאָרדעטע אין אַשוויענטשים איז געווען אַ פיל גרעסערע. אין פינפטן קאַפּיטל פון בוך „די ציפערן קלאָגן אָן״, דערקלערט ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אַז דער רעקטאָר פון דער קראָקעווער באַרג־ווערק־אַקאַדעמיע פּראָפעסאָר ראָמאַן דאַווידאָווסקי, האָט אויפן סמך פון די אָפיציעלע באַן־אוויזאַציעס זיינען אין די יאָרן 1943־1944 געבראַכט געוואָרן פיר מיליאָן מענטשן. עס פעלן אָבער די באַן אוויזאַציעס פאַרן יאָר 1942. אין דעם יאָר איז די באַן ליניעס געווען איבערגעלאָדן מיט מיליטער טראַנספּאָרטן האָבן די נאַציס געפירט די קרבנות אין טראָקס. די צאָל פון די טראָק טראַנספּאָרטן ווערן געשאַצט ביז אַ מיליאָן און צווייהונדערט טויזנט מענטשן. אויב עס זאָל צוגערעכנט ווערן אויך דאָס יאָר 1941 איז די צאָל פון פאַרשלעפּטע קרבנות קיין אַשוויענטשים איבער פינף מיליאָן. לויט די אויסרעכענונגען פון געוועזענע אַשוויענטשימער אַרעסטאַנטן ווי דער לאָדזשער דאָקטאָר יעקב וואָלמאַן און ד״ר אַרטור מייער און אויך פון אַנדערע, זיינען קיין אוישוויץ געבראַכט געוואָרן צווישן זעקס און זיבן מיליאָן מענטשן. וויפיל יידן זיינען אומגעקומען אין אַשוויענטשים? ד״ר פיליפּ פרידמאַן גיט אָן וואַרשיינליך מער ווי צוויי מיליאָן. קיין גענויע ציפערן איז נישט מעגליך אָנצוגעבן. ער דערקלערט אָבער, אַז אין פרילינג 1947 איז פאָרגעקומען אין וואַרשע דער פּראָצעס קעגן דעם אַשוויענטשימער לאַגער פירער רודאָלף העס י״ש און ער האָט באַשטעטיקט, אַז אַנדערהאַלבן מיליאָן יידן זיינען אומגעבראַכט געוואָרן אין אַשוויענטשים.

די טראַנספּאָרטן פון יידן קיין אַשוויענטשים זיינען געווען לויט דער רייע פון פאָלגנדע לענדער: פּוילן, אונגאַרן, פראַנקרייך, האָלאַנד, איטאַליע, גריכנלאַנד, דייטשלאַנד, עסטרייך, בעלגיע, טשעכיע, סלאָוואַקיע, כאָרוואַציע, סאָוויעט־רוסלאַנד, נאָרוועגיע, יוגאָסלאַוויע, רומעניע און אַנדערע.

די קרבנות אין אָשוויענטשימער טויט־לאַגער זיינען געווען בירגער פון פאָלגנדע לענדער: (לויטן אלף־בית): אונגאַרן, איטאַליע, ארץ־ישראל, בולגאַריע, בעלגיע, גריכנ־לאַנד, דייטשלאַנד, האָלאַנד, טערקיי, טשעכיע, יוגאָסלאַוויע, ליטע, לעטלאַנד, נאָרוועגיע, סלאָוואַקיע, ענגלאַנד, עסטרייך, פאַרייניקטע שטאַטן, פוילן, פראַנקרייך, ראַטנפאַרבאַנד, רומעניע און שווייץ.

ווער זיינען דאָס געווען די אויספירער פון די מאַסן מאָרדן אין טויט־לאַגער אָשוויענטשים און פון וואָס פאַר אַ מענטשן מאַטעריאַל האָבן זיי מיט זיך פאַרגעשטעלט? ד"ר פיליפ פרידמאַן ענטפערט אויף דעם, אַז דאָס זיינען חיות, וואָס שטילן זייערע סאַדיס־טישע נייגונגען מיט גרויס תענוג אין בלוט־דאַמף. די דאָזיקע חיות זיינען נאָך שרעקלעכער דורך דעם, וואָס זיי האָבן אַ פאַרגעניגן פון מאָרדן. (זייט 147)

ד"ר פיליפ פרידמאַן שטעלט פעסט, אַז דאָס דייטשע פאָלק האָט זיך באַטייליקט אין רויב פון די זאַכן פון די דערמאָרדעטע יידן. ער שרייבט, אַז די עצם עובדה, אַז די „ליבעסגאַבן" שטאַמען פון מאָרדן איז בדרך כלל באַוווּסט געווען דער דייטשער ציוויל־באַפעלקערונג. עס זיינען געפונען געוואָרן באַשטעלונגען מצד פריוואַטע פערזאָנען און דייטשע אינסטיטוציעס צו די ס. ס. אויף פאַרשידענע זאַכן: קינדער־וועגעלעך, וואַליזעס און מלבושים. פון די באַשטעלונגען דרינגט אַרויס, אַז די באַשטעלער האָבן זיך אָפּגעגעבן אַ גענויעם חשבון, פון וואַנען די זאַכן שטאַמען. איינע אַזאַ באַשטעלונג, וואָס איז געפונען געוואָרן אין מאַידאַנעק ביי לובלין רופט אָן די זאַך ביים נאָמען. דאָרט רעדט זיך וועגן אַ געוויסער צאָל וואַליזעס „פון דער באַוווּסטער אַקציע" (אַאוס דער באַקאַנטער אַקציאָן). אַ געוויסע דייטשקע האָט געשריבן צו איר מאַן, ער זאָל זיך נישט זשענירן און צושיקן אויך פאַרבלוטיקטע און פאַרפלעקטע זאַכן, ווייל דאָס לאָזט זיך אויסוואַשן. נישט בלויז פריוואַטע יחידים, ס. ס.־לייט און ווילטעטיקע דייטשע אינסטיטוציעס האָבן גענאָסן פון רויב נאָר אויך דאָס דייטשע ווירטשאַפטס מיניסטעריום, וואָס איז געווען דער אָפיציעלער הויפט־אָפּנעמער פון די גערויבטע זאַכן אין גרויסן מאַסשטאַב. (זייט 152).

דאָס קאַפּיטל 20 אונטערן טיטל „די קאָמערציעלע זייט פון די אָשוויענטשימער טויט אינדוסטרי" ווירקט ממש אויסטרייסלנד. ד"ר פיליפ פרידמאַן שרייבט, אַז אין דער געשיכטע פון מענטשלעכע פאַרברעכנס אויף די פאַרפלאָנטערטע וועגן פון שגעון, אומנאָרמאַלקייט און חיה'שקייט פון אַלע צייטן און פעלקער, איז נאָך נישט פאָרגעקומען אַזאַ מעשה נבלה ווי עס האָבן אויסגעטראַכט אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט די פאַר־ברעכערישע מוחות פון די דייטשע שאַקאַלן. (זייט 148). אין דעם קאַפּיטל ווערן איבער־געגעבן די שוידערלעכסטע פּרטים און נעמליך:

1. פון די פאַרגאַזטע קרבנות זיינען אַרויסגעריסן געוואָרן די ציין פון גאָלד און פלאַטין. די נאַצי־מערדער האָבן אויף דעם וועג אָנגעזאַמלט זעקס וואַגאָנען גאָלד.

2. פון די פרויען איז אָפּגעשוירן געוואָרן די האָר, וואָס איז פאַרווענדעט געוואָרן

אין דייטשע אונטערנעמונגען צו פּראָדוצירן פּילץ, קאָצן און מאַטראַצן.

3. די מענטשלעכע ביינער זיינען צעמאָלן און באַנוצט געוואָרן אַלס רוי־שטאָף צו פּראָדוצירן קינסטלעכע באַמיסטיקונג.

4. דאָס אַש פון די פאַרברענטע קערפּערס איז אויך פאַרקויפט געוואָרן.

5. פון מענטשלעכע פעטס און קערפּערס איז פּראָדוצירט געוואָרן זייף.

די אַלע עפּיזאָדן פון דעם קאַפּיטל און אין אַלגעמיין דאָס גאַנצע בוך שטיצט זיך און איז באַגרינדעט אויף אויטענטישע דאָקומענטן, מאַטעריאַלן און גביות־עדות.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן אַלס מיטגליד פון דער פּוילישער מלוכה׳שער הויפּט־קאָמיסיע אויסצופאָרשן די דייטשע פאַרברעכנס אין פּוילן און אַלס דירעקטאָר פון דער צענט־ראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע, האָט געהאַט די מעגלעכקייט די אַלע באַשריבענע עפּיזאָדן אויסצופאָרשן.

דער דייטשער מערדערישער ציניזם קומט צום אויסדרוק כמעט אויף יעדער זייט פון בוך. כאַראַקטעריסטיש איז פאָלגנדער פאַקט. אין יאָר 1943 האָט דער רויטער קרייץ זיך אויסבאַמיט אַ דערלויבעניש צו באַזוכן דעם אָשוויענטשימער טויט לאַגער. ווען די קאָמיסיע איז געקומען און האָט זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דעם, וואָס עס קומט פאָר אין לאַגער, האָבן די נאַצי־מערדער „איינגעלאַדן״ די קאָמיסיע מיטגלידער צו באַזוכן די באָד־אַנשטאַלטן. מען האָט זיי גלייך אַריינגעפּירט אין אַ גאַז קאַמער, פאַרגאַזט און פאַרברענט אין קרעמאַטאָריום. עטלעכע טעג שפּעטער איז געווען אַ מעלדונג אין דער האָלענדישער פּרעסע, אַז די קאָמיסיע האָט געהאַט אַן אויטאָ־עקסידענט און אַלע אירע מיטגלידער זיינען אומגעקומען. (זייט 20).

די מיליאָנען מענטשן, וועמענס לעבנס־אָטעם איז אויף אַן אכזריות׳דיקן אופן איבערגעריסן געוואָרן און דערמיט פאַרלוירן די מעגלעכקייט צו אַנטפּלעקן פאַר דער וועלט זייערע יסורים, פּיין און לייד, וואָס די נאַצי באַרבאַרן האָבן זיי פאַרשאַפט, האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן דורך זיין בוך „אָשוויענטשים״ געגנומען אויף זיך די הייליקע מיסיע צו פאַרטרעטן די מיליאָנען שטימען, וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן אויסצו־שרייען פאַר דער מענטשהייט און פאַר דער וועלט „איך באַשולדיק״.

## די פאָרשונג און די ליטעראַטור וועגן חורבן אין אַמעריקע

ווי באַקאַנט, האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן זיך באַטייליקט אין דער אינטערנאַציאָנאַלער היסטאָריקער קאָנפערענץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 5־טן ביז דעם 9־טן סעפּטעמבער 1950, אין האָלאַנד. די באַהאַנדלטע פּראָבלעמען אויף דער קאָנפערענץ

זיינען געווען אונטערן טיטל: „די צווייטע וועלט מלחמה און דער מערב". די קאָנפערענץ איז אַראַנזשירט געוואָרן דורך דעם האָלענדישן מלוכה'שן אינסטיטוט פאַר קריגס דאָקומענטאַציע. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט איבער 180 וויסנשאַפטלער און עס זיינען געהאַלטן געוואָרן איבער דרייסיק רעפעראַטן. איינער פון די רעפערענטן אויף דער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנפערענץ איז געווען ד"ר פיליפּ פרידמאַן, וועלכער האָט געהאַלטן אַ רעפעראַט אויף דער טעמע: „די פאָרשונג און ליטעראַטור וועגן חורבן אין אַמעריקע". די גרונט פּרינציפּן און הויפּט פּונקטן פון דעם רעפעראַט זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן אין ישראל אין „דפים לחקר השואה והמרד", אין חודש ניסן תשי"א (1951), און אַנטהאַלטן 18 דרוק זייטן. אין דעם רעפעראַט האָט ד"ר פיליפּ פרידמאַן געמאַכט אַ וויסנשאַפטלעכן אַנאַליז וועגן נאַציזם, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון ווילדן אַנטיסעמיטיזם, וואָס האָט דערגרייכט אירע הויכפּונקטן אין דער הערשאַפטס־צייט פון ווילהעלם דעם צווייטן, די נאַצישע פּאָליטישע און סאָציאַלע אידעאָלאָגיע אין דער צייט פון דער ווימאַרער רעפּובליק און דאָס קומען פון די נאַציס צו דער מאַכט. ד"ר פיליפּ פרידמאַן האָט אַרומגענומען אַלע אַספּעקטן פון נאַצישע רדיפות, פאַרפאָל־גונגען, פּייניקונגען און מאַסן מערדערייען לגבי יידן. אין דער צווייטער טייל פון רעפעראַט פאַרנעמט זיך ד"ר פיליפּ פרידמאַן מיט די היסטאָרישע אינסטיטוטן אין אַמעריקע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פאָרשן, זאַמלען מאַטעריאַלן און פאַרעפנטלעכן ביכער וועגן חורבן. ער רעכנט אויס דעם אינסטיטוט פאַר יידישע פאָרשונגען ביים אַמעריקאַנעם יידישן קאָנגרעס און וועלט קאָנגרעס, דעם יידישן וויסנשאַפטלעכן אינסטיטוט „ייוואָ", „דזשואיש סאָשל סטאַדיס", טעאָלאָגישן סעמינאַר, די אַרכיוון פון דזשאָינט און אויך גאָר גרויסע פּריוואַט זאַמלונגען און נעמליך פון ד"ר י. שוואַרצבאַרט, וואָס איז געווען אַ מיטגליד אין די פּוילישע גלות רעגירונג אין לאָנדאָן און האָט אָנגעזאַמלט גאָר וויכטיקע דאָקומענטן וועגן יידישן קאַמף און אומקום פון פּוילישן יידנטום. מ. פראַנקענהויז האָט אַ זאַמלונג וועגן גורל פון די יידן אין האָלאַנד, וועגן לאַגער טערעזיענ־שטאַדט, ווי אויך וועגן טשעכאָסלאָוואַקיע.

פון די נישט יידישע אינסטיטוטן, וואָס באַזיצן מאַטעריאַלן און זייער ווערטפולע זיינען: די אַרכיוון פון אויסערן און יוסטיץ מיניסטעריום'ס פון די פאַרייניקטע שטאַטן אין וואַשינגטאָן, די קאָנגרעס ביבליאָטעק אין וואַשינגטאָן, די ניו־יאָרקער פאָלקס־ביבליאָטעק, דער קאָלאָמביאַ אוניווערזיטעט און אַ גאַנצע רייע אַנדערע.

אויסער דעם זיינען אַנטשטאַנען היסטאָרישע אינסטיטוטן אין אַ גאַנצע רייע לענדער, וואָס זאַמלען מאַטעריאַלן וועגן חורבן און נעמליך: אין עסטרייך, בולגאַריע, טשעכאָ־סלאָוואַקיע, ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד, אונגאַרן, איטאַליע, ליטע, פּוילן, שוועדן, שווייץ, ישראל, אַמעריקע, קאַנאַדע און שאַנכיי.

ד"ר פיליפּ פרידמאַן רעכנט אויס אַלע זשורנאַלן, וואָכנשריפטן און צייטונגען, וואָס האָבן פאַרעפנטלעכט און פאַרעפנטלעכן אַרבעטן וועגן דער חורבן עפּאָכע. ער רעכנט אויך אויס די פאַרלאַגן, וואָס האָבן אַרויסגעגעבן ביכער וועגן חורבן. ספּעציעל שטרייכט ער אונטער די אַקטיווע טעטיקייטן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אויף דעם געביט און דאָס

איז דערפֿאַר, ווייל זייער צאָל דערגרייכט די ציפֿער פֿון עטלעכע טויזנט אין די פֿאַרייניקטע שטאַטן. ד״ר פֿיליפּ רעכנט אויס אַ גאַנצע רייע ביכער, וואָס זיינען דערשינען ביז צו יענער צייט (1950) דורך די לאַנדסמאַנשאַפֿטן.

די אַרבעט איז אייגנטלעך אַ טעאָרעטיש־מעטאָדאָלאָגישע, וואָס ווייזט אָן דעם וועג ווי אַזוי צו פֿאָרשן די פּראָבלעמען פֿון דער חורבן־עפּאָכע. מיט דער אַרבעט האָט ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן אויפֿגעבויט די גרונט־יסודות פֿון דער פּראָבלעמאַטיק פֿון דריטן חורבן.

## בעלכאַטאָוו יזכור־בוך

דאָס בוך איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, צוזאַמען מיט די בעלכאַטאָווער לאַנדסלייט־פֿאַריינען אין אַרגענטינע, בראַזיל און צפֿון אַמעריקע. דערשינען אין יאָר 1951 און אַנטהאַלט 512 זייטן. אין דעם בוך איז ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן פֿאַרטרעטן מיט אַ פֿאָרשונגס־אַרבעט אונטערן טיטל: „צו דער געשיכטע פֿון יידן אין בעלכאַטאָוו״, אויף זייטן 60—19.

ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן הויבט אָן זיין אַרבעט מיט דער טאָפּאָגראַפֿיע פֿון דער שטאָט בעלכאַטאָוו. די אַנטוויקלונג פֿון יידישן ציבור, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 7 יידישע נפֿשות אין יאָר 1764, זיך פֿאַרגרעסערט צו זיבעצן אין יאָר 1808. אין דער ענדע פֿון נייַנצנטן יאָרהונדערט 3,000 יידישע נפֿשות, אין יאָר 1909 האָט שוין די יידישע באַפֿעלקערונג געציילט די אַנגעזעענע צאָל 3,849 און אין יאָר 1917 — 4,922 און מיט זיך פֿאַרגעשטעלט גאַנצע 70 פּראָצענט פֿון דער אַלגעמיינער באַפֿעלקערונג. די פֿאַרגרעסערונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג איז געווען אין רעזולטאַט פֿון עקאָנאָמישע און סאָציאַלע אַנטוויקלונגען. בעלכאַטאָוו איז געוואָרן אַ צענטער פֿון דער טעקסטיל אינדוסטרי. פּאַראַלעל מיט דער פֿאַרגרעסערונג פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג האָבן זיך אַנטוויקלט יידישע אינסטיטוציעס פֿון רעליגיעזן, קולטורעלן, עקאָנאָמישן און פּאָליטישן כאַראַקטער.

ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן רעכנט אויס אַלע קולטור אינסטיטוציעס, פּאָליטישע פּאַרטייען, יוגנט אָרגאַניזאַציעס, דראַמאַטישע קרייזן, ספּאָרט־קלובן, און ליטעראַרישע טאַלאַנטן, וואָס בעלכאַטאָוו האָט אַרויסגעגעבן. אין יאָר 1925 ביי די ערשטע וואַלן צום שטאָט־ראָט אין בעלכאַטאָוו, האָבן יידן געהאַט 13 מאַנדאַטן אויף די אַלגעמיינע צאָל פֿון 24, דאָס הייסט מער ווי די העלפֿט. אין דער שטאָט־עקזעקוטיווע, וואָס איז באַשטאַנען פֿון 5 מענטשן: 1 בירגערמייסטער, 1 וויצע־בירגערמייסטער און 3 לאַווניקעס, האָבן יידן געהאַט צוויי מאַנדאַטן אַלס לאַווניקעס.

מיטן אויסברוך פֿון דער צווייטער וועלט מלחמה איז די גאַנצע יידישע מי, אַרבעט, קולטור אינסטיטוציעס, עקאָנאָמישע און פּאָליטישע דערגרייכונגען צוזאַמען מיט די יידישע לעבנס חרוב געוואָרן.

דער נאַצישער אַמט־קאָמיסאַר אין בעלכאַטאָוו האָט איבערגעשיקט סטאַטיסטישע צוזאַמענשטעלונגען צום לאַנד־ראַט פון לאַסקער קרייז, וואָס האָט רעזידירט אין פּאַביאַניץ. פון דער סטאַטיסטיק דרינגט אַרויס, אַז אין בעלכאַטאָוו זיינען געווען אין אויגוסט דעם 6־טן 1940, 5,371 יידן און דעצעמבער 14, 1942, איז שוין קיין איין ייד נישט געווען אין דער פולשטענדיק חרוב־געוואָרענער בעלכאַטאָווער יידישער קהילה.

מיט דער אַרבעט פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַראייביקט די געשיכטע פון יידישן בעלכאַטאָוו און אָנגעצונדן אַ נר־תמיד נאָך דער חרוב־געוואָרענער קהילה.

## דער יידישער ווידערשטאַנד קעגן דער נאַצי-הערשאַפט

עסיי דערשינען אין „אידישער קעמפער״, ניו־יאָרק, אַפּריל 3, 1953, נר. 1000, אויף זייטן 94—88.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן אַנאַליזירט אין דעם עסיי צוויי הויפּט פּראָבלעמען פון דער חורבן פאָרשונג און נעמליך:

1. וואָס איז אַזוינס ווידערשטאַנד און וואָס איז אַזוינס גבורה.

2. פאַרוואָס איז דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ געווען אַזוי שפּעט.

וועגן דעם ערשטן פּראָבלעם פאַרענטפערט ער די פראַגע, וואָס איז אַזוינס ווידער־שטאַנד און אירע פאָרמען.

לויט ד״ר פיליפּ פרידמאַן באַדייט ווידערשטאַנד, אַ באַוואָפנטער, קאָלעקטיווער, אָרגאַניזירטער קאַמף צוגעגרייט לויט אַלע כללים פון מיליטערישער טעכניק. אַזעלכע יידישע אויפשטאַנדן זיינען געווען אויסער אין וואַרשעווער געטאָ אין אַ גאַנצע רייע געטאָס. צו דער זעלבער קאַטעגאָריע געהערן אויך די פּאַרטיזאַנער גרופּעס אין די וועלדער, וואָס האָבן געפירט אַן אָנגריפס־קאַמף קעגן דער נאַצי־מאַכט. דער יידישער ווידערשטאַנד אין דער נאַצי־עפּאָכע איז געקומען צום אויסדרוק אין פאַרשידענע פאָרמען און דעריבער האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן געמאַכט פאָלגנדע קלאַסיפיקאַציע פון פאָרמען פון ווידערשטאַנד און נעמליך: באַוואָפנטער ווידערשטאַנד, אָרגאַניזירטער ווידערשטאַנד, ספּאָנטאַנער ווידערשטאַנד, קאָלעקטיווער ווידערשטאַנד, אינדיווידועלער ווידערשטאַנד, פּאַסיווער ווידערשטאַנד, דעפענסיווער ווידערשטאַנד, מאָראַלישער און פּסיכישער ווידערשטאַנד. די גאָר באַלערנדיקע קלאַסיפיקאַציע באַגלייט ד״ר פיליפּ פרידמאַן מיט פאָלגנדע דערקלערונג, אַז עס איז נישט אין גייסט פון דער יידישער טראַדיציע צו באַטראַכטן ווידערשטאַנד און גבורה בלויז ווי אַקטן פון פיזישן כח און באַוואָפנטער געוואַלט. דער באַגריף מאָראַלישע גבורה און פּסיכישער ווידערשטאַנד איז אין דער יידישער טראַדיציע אַ סך העכער ווי די ריין פיזישע גבורה. די גרונט

פאָרמען פון יידישן ווידערשטאַנד אין מיטלאַלטער, וואָס האָט דער רויער געוואַלט פון די אונטערדריקער אַנטקעגנגעשטעלט דעם קידוש השם — דאָס אַלץ איז באַזירט אויף אַ טיפער מאָראַלישער ווידערשטאַנדס־קראַפט. פאַרשטייט זיך, אַז די דאָזיקע טראַדיציעס פון גייסטיקן ווידערשטאַנד און קידוש־השם, וואָס זיינען דורך לאַנגע יאָרהונדערטער טיף אַריינגעדרונגען אין דער פאָלקס־נשמה, האָבן געמוזט קומען צום אויסדרוק אין דער שעה פון גרעסטן היסטאָרישן נסיון אין דער נאַצי־צייט און זיינען געווען פונקט אַזאַ וויכטיקער פאַקטאָר ווי דאָס פיזישע העלדנטום.

וועגן דער צווייטער פראַגע האַלט ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אַז די ערשטע, וואָס האָבן אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף און טאַקע דעם באַוואָפנטן קאַמף זיינען געווען יידן. די פּאָלאַקן און אַנדערע אונטעריאָכטע פעלקער האָבן זיך געריכטעט מיט מיליטערישע און סטראַטעגישע פּלענער און ווי ווייט מעגלעך זיך באַמיט צו געווינען צייט. דער פאַקט איז, אַז דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ איז אויסגעבראָכן אַפּריל 19, 1943 און ווען דער פּוילישער? מיט קנאַפּע 17 חדשים שפּעטער, אויגוסט 1, 1944 און איינע פון די טענות פון די קריטיקער פונעם פּוילישן אויפשטאַנד איז געווען, אַז ער איז געווען פריצייטיק און דערפאַר האָט ער זיך געענדיקט מיט אַ מפּלה. ד״ר פיליפּ פרידמאַן שטעלט גלייכצייטיק פעסט, אַז די ערשטע, וואָס האָבן געגרינדעט פּאַרטיזאַנער גרופּן זיינען געווען יידן. נאָכדעם ווען עס איז אויסגעבראָכן די סאָוויעטיש־דייטשע מלחמה, האָבן זיך באַוויזן אין די וועלדער פּוילישע, ווייס־רוסישע, ליטווישע, אוקראַינישע און רוסישע פּאַרטיזאַנער אָפּטיילונגען. דאָס זעלבע איז געווען אין פראַנקרייך. די יידן זיינען געווען די ערשטע צו אָרגאַניזירן אַן אונטערערדישע באַוועגונג נאָך איידער עס איז אויסגעוואַקסן די פראַנצויזישע אונטערערדישע אָרגאַניזאַציע. דער סלאָוואַקישער אויפשטאַנד קעגן די דייטשן האָט זיך אָנגעהויבן אין אויגוסט 1944 אין אַ צייט ווען די יידישע פּאַרטיזאַנער גרופּן זיינען שוין לאַנג געווען איינגעפונדעוועט אין די קאַרפּאַטישע בערג.

די אַרבעט איז אַ גאָר וויכטיקע אין די פּראָבלעמען פאָרשונג פון דער חורבן־עפּאָכע.

## דער לובלינער רעזערוואַט און דער מאַדאַגאַסקאַר פּלאַן

דאָס יאָר־בוך „ייוואָ־בלעטער“, באַנד 37, ניו־יאָרק 1953, אַנטהאַלט 334 זייטן און איז געווידמעט: „די תקופה פון לעצטן חורבן“. ד״ר פיליפּ פרידמאַן איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם באַנד און איז פאַרטרעטן מיט דער ערשטער אַרבעט אויף דער טעמע: „דער לובלינער רעזערוואַט און דער מאַדאַגאַסקאַר פּלאַן“. (זייטן 36—5).

גרויליק איז געווען דער גורל פון אייראָפּעיישן יידנטום אונטער דער הערשאַפט פון דער נאַצי טיראַניע און דעריבער זיינען גרויליק די פּראָבלעמען, וואָס ווערן

באהאנדלט אין דער ארבעט. צוערשט באהאנדלט ד״ר פיליפ פרידמאן דאס פראבלעם פון אזוי גערופענעם „לובלינער רעזערוואט״. ער דערקלערט, אז דער גאנצער פלאן פון טראנספארטירן יידן אין לובלינער געגנט איז געווען נאר פאר אויסערלעכע פראפאגאנדע און דער פאקטישער ציל איז געווען אומצוברענגען און פארניכטן די יידן. די באציס האבן גארנישט געהאט בדעה צו שאפן א יידישן רעזערוואט אין לובלין און דאס דרינגט ארויס פון פאלגנדע פאקטן: אפריל 22, 1940 איז פארגעקומען א זיצונג אין גלאבאצניק׳ס ביורא וועגן דער יידן־פראגע. דער רעפערענט פאר יידישע ענינים אין לובלינער דיסטריקט האט קריטיקירט דעם גאנצן פלאן פון שיקן צו זיין דיסטריקט טראנספארטן מיט יידן. ערשטנס איז דאס גארנישט מעגלעך אויפצונעמען אזעלכע גרויסע טראנס־פארטן יידן, ווייל עס איז נישטא זיי ווו צו איינקווארטירן. צווייטנס זיינען נישטא קיין שום שאנסן, אז זיי זאלן זיך קענען איינארדנען אין לובלין. דריטנס האט די נאצי־מאכט צוגעזאגט די אוקראינער, וואס וווינען אין דרום־מזרח׳דיקן טייל פון לובלין, אז זיי וועלן נישט צוזאמענגעמישט ווערן מיט פאלאקן, און דא וועלן זיי גאר פארפלייצט ווערן פון מאסן יידן. אויף דעם האט געענטפערט האפבויער, דער רעפערענט פאר יידישע אנגעלעגנהייטן אין גלאבאצניקס פאליציי־שטאב פאלגנדעס:

1. עס ווערט גארנישט געטראכט צו באזעצן די יידישע מאסן טראנספארטן אין לובלין.

2. עס ווערט גארנישט געטראכט, אז די יידן פון די מאסן־טראנספארטן זאלן זיך באזעצן אין דעם געביט וווּ עס וווינען אוקראינער.

3. עס ווערט בכלל נישט געטראכט וועגן געבן די יידן און ציגיינער א מעגלעכקייט וועגן סטאבילן איינארדנען זיך און אפילו נישט צו באזעצן זיך צייטווייליק.

4. די מאסן־טראנספארטן יידן וועלן גלייך פאנאנדערגעשיקט ווערן אין פארשידענע לאגערן.

צי האט דער צורר היהודים אדאלף אייכמאן ימח שמו געוווסט וועגן דעם לובלינער רעזערוואט און זיינע צילן? האפבויער האט דעם פלאן איבערגעגעבן אין אפריל 22, 1940 און אדאלף אייכמאן האט נאך אין יאר 1939, א קורצע צייט נאך דעם אנהויב פון דער דייטש־פוילישער מלחמה, אלס דער הויפט־אנפירער פון דעם יידן־רעפעראט אין „געשטאפא״ „רייכס־זיכערהייטס־הויפטאמט״ אפטיילונג 4, אין בערלין, צונויפגערופן א קאנפערענץ פון יידישע פארשטייער פון בערלין, ווין, פראג און אנדערע שטעט און האט זיי געמאלדן, אז עס ווערט געשאפן א יידישע אויטאנאמע געגנט אין לובלינער קרייז. דעריבער פארלאנגט ער, אז זיי זאלן צושטעלן ליסטעס פון פרייוויליקע איינוואנדערער. אויף אזוי ווייט איז געגאנגען די חוצפה פון צורר היהודים אדאלף אייכמאן, אז יידן זאלן צושטעלן פרייוויליקע צום טויט. ד״ר פיליפ פרידמאן גיט איבער, אז דער אויבער־קאמאנדיר פון דער דייטשער ארמיי, פעלדמארשאל יאהאנעס בלאסקאוויץ, האט אין א באריכט פון דעצעמבער 1939 דערקלערט, אז יידישע קינדער קומען אן אין די

טראַנספּאָרט צוגן פאַרפּרוירענע צום טויט און די לעבנגעבליבענע גייען אויס פון הונגער. דאָס איז געווען די נאַצי־פּאָליטיק פון די טראַנספּאָרטן אָנגעפירט דורך אַדאָלף אייכמאַן י״ש. די יידן, וואָס זיינען אָנגעקומען מיט די טראַנספּאָרטן קיין לובלין, זיינען אריינגעפּאַקט געוואָרן אין חורבות, אין פוסטע באַראַקן, מאַגאַזינען, סטאַדאָלעס, שולן און בתי־מדרשים. ווען עס איז שוין נישט געווען קיין פּלאַץ זייבען די יידן געהאַלטן געוואָרן, אין די גרעסטע פּרעסט, אונטערן פּרייען הימל, וואָס איז געווען אין טייל ערטער אַרומגעצוימט מיט דראָטן. דאָס איז דער אמת וועגן לובלינער רעזערוואַט.

דר. פיליפּ פרידמאַן שרייבט, אַז דער נאַציִשער פּלאַן וועגן מאַדאַגאַסקאַר איז געווען פונקט ווי דער לובלינער רעזערוואַט. ער איז פאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ ריזיקע קאָנצענטראַציע פאַר אַ פאַמעלעכן טויט. דער מאַדאַגאַסקאַר פּלאַן איז געווען פון אָנהויב ביז ענדע צו פאַרטושן די מוחות פון דער וועלט. דער פאַקט איז, אַז ווען די מערהייט פון אייראָפּעיִשן יידנטום איז שוין געווען אומגעבראַכט אין די טויט־לאַגערן האָט געבעלס געמאַכט אַ פּרומען אָנשטעל, דערקלערנדיק אויף אַ קאָנפערענץ פאַר דער אויסלענדישער פּרעסע, אַז די יידן קענען באַזייטיקט ווערן אויף אַ הומאַניטאַרן אופן דורך שאַפן אַ מדינה, וואָס זאָל זיין אינגאַנצן רעזערווירט פאַר די אייראָפּעיִשע יידן.

די אַרבעט איז אויפגעבויט געוואָרן אויף אַ שלל אויטענטישע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן, וואָס באַווייזן דעם הינטערגרונט פון דער נאַציִשער מאָרד פּאָליטיק אין די יאָרן פון דער היטלעריסטישער הערשאַפט.

## יזכור־בוך כעלם

דאָס יזכור־בוך כעלם איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער כעלעמער לאַנדסמאַנשאַפט אין יאָהאַנעסבורג, דרום אַפריקע, אין יאָר 1954 און אַנטהאַלט 755 זייטן.

אין דעם בוך איז ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַרטראָטן מיט דער ערשטער אַרבעט אונטערן טיטל: „צו דער געשיכטע פון יידן אין כעלם" (דער אָנהויב און די געשיכטע פון אַ יידישן ישוב).

ד״ר פיליפּ פרידמאַן האָט אַריינגעדרונקען אין אַלע היסטאָרישע מאַטעריאַלן צו באַלויכטן אַלע אַספּעקטן פון דער געשיכטע פון דער יידישער שטאָט כעלם; ווען איז כעלם אַנטשטאַנען אַלס אַ שטאָט? פאַרוואָס האָבן זיך דאָרטן יידן באַזעצט? ווען האָבן זיך יידן דאָרט באַזעצט און אַנדערע פּראָבלעמען. די ענטפערס זיינען זייער באַלערנדע. די שטאָט איז געגרינדעט געוואָרן אין צוועלפטן יאָרהונדערט דורך דעם רוטעניִשן פירשט ראָמאַן מסטיסלאַוויטש. די יידן האָבן זיך דאָרטן באַזעצט דערפאַר, ווייל די שטאָט איז געלעגן אויף די שליאַכן פון די גרויסע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען פון שוואַרצן ים ביז צום באַלטישן ים און אויך קיין מיטל־אייראָפּע. ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַרופט זיך אויף אַ גאַנצע רייע דאָקומענטן, וואָס באַווייזן, אַז יידן האָבן שוין געוווינט

אין כעלם אין צוועלפטן יאָרהונדערט. אין יאָר 1900 זיינען אויסגעפונען געוואָרן מצבות אויפן יידישן בית־עולם מיט פאָלגנדע דאַטן: איין מצבה פון יאָר 1442, איין מצבה פון יאָר 1483, צוויי מצבות פון יאָר 1484 און איין מצבה פון יאָר 1496. פון די פאַקטן דרינגט אַרויס, אַז אין 15־טן יאָרהונדערט איז שוין געווען אַ גוט אָרגאַניזירטע יידישע קהילה אין כעלם.

וויפיל יידן האָבן געלעבט אין כעלם און דער פּראָצענט זאַץ אין באַצוג צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג? ד״ר פיליפ פרידמאַן גיט אָן פאָלגנדע אויטענטישע ציפערן. אין יאָר 1872 האָבן געלעבט אין כעלם 2,793 איינוווינער, דערפון 1,902 יידן און מיט זיך פאַרגעשטעלט 68 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. די צאָל איינוווינער האָט זיך כסדר פאַרגרעסערט און גלייכצייטיק די יידישע באַפעלקערונג, וואָס האָט אָנגעהאַלטן איר סטאַטוס פון 68 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג ביז 1856. פון דער צאָל 1,902 פון יאָר 1827 האָט זיך די צאָל פאַרגרעסערט צו 13,537 יידן אין יאָר 1931 מיט אַ פּראָצענט זאַץ פון 46 מיט אַ האַלבן פּראָצענט אין באַצוג צו דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אויפן סמך פון דעמאָגראַפישע פאָרשונגען קומט ד״ר פיליפ פרידמאַן צום אויספיר, אַז אין יאָר 1939, ווען די צווייטע וועלט שרפה האָט אויסגעבראָכן, האָבן געלעבט אין כעלם אומגעפער צווישן פופצן און אַכצן טויזנט יידן.

די פאָרשונג אַנטהאַלט אויך אַ קאַפּיטל וועגן תורה און לומדות און אויך וועגן כעלעמער יידישן פאָלקלאָר, וואָס האָט גייסטיק געשפייזט דורות יידן, דורך אָפּרייסן זיי פון די טאָג־טעגלעכע זאָרגן, גגישות און פורעניות. אין דער אַרבעט איז אויך דאָ אָן אַלגעמיינער איבערבליק וועגן חורבן פון כעלעמער יידנטום אין דער נאַצי צייט און עפּיזאָדן פון גייסטיקן און פיזישן ווידערשטאַנד פון כעלעמער יידנטום.

ד״ר פיליפ פרידמאַן האָט מיט זיין אַרבעט דערהויבן די חשיבות פון דעם בוך, וואָס איז אַ ווירדיקע מצבה פאַרן אומגעקומענעם כעלעמער יידנטום.

## מאַרטירער און קעמפער

דאָס בוך מאַרטירער און קעמפער איז דערשינען אין ניו־יאָרק דורך דעם פאַרלאַג פרידעריק א. עי. פרייגער אין ניו־יאָרק אין יאָר 1954 און אַנטהאַלט 325 זייטן. דאָס בוך באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד.

די עפּאָפּעע פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד האָט באַקומען אַן אָפּשפּיגלונג אין אַלע צווייגן פון דער ליטעראַטור. די מעטראָפּאָליע פון פּוילישן יידנטום איז געווען דער שטאָלץ פון אייראָפּעישן יידנטום, וואָס איז געווען דער רעזערוואַר פון אינטע־לעקטועלע, גייסטיקע קרעפטן פאַרן וועלט־יידנטום. דאָס וואַרשעווער יידנטום האָט באַלייגט אַ היסטאָרישן עקזאַמען פון ווירדיקן קאַמף פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק און

גלייכצייטיק באַאײנפלוסט די אונטעריאָכטע פעלקער צום קאַמף קעגן נאַציזם און דערמיט איז דער וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד אַ קאַמף פאַרן כבוד פון דער מענטשהייט אין אוניווערסאַלן זין.

די קאָלאָסאַלע צאָל ביכער וועגן דער חורבן עפּאָכע בכלל און פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד בפרט, איז געוואָרן אַ פאָרשונגס געביט פאַר ספּעציאַליסטן־וויסנשאַפטלער. דעם אויבן אָן אויף דעם געביט פאַרנעמט דער הויפט־פאָרשער פון דער חורבן־עפּאָכע ד״ר פיליפּ פרידמאַן. דאָס בוך מאַרטירער און קעמפער איז אַ רעזולטאַט פון לענגערע פאַרבערייטונגען און טיפע קענטעניש פון דער גאַנצער ליטעראַטור וועגן וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. דאָס ערשטע האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַרעפנטלעכט אַ ביבליאָגראַפישן איבערבליק איבער דער ליטעראַטור וועגן וואַרשעווער געטאָ אין זשורנאַל „קולטור און דערציאונג״, נר. 4 און נר. 5 פון יאָר 1950. נאָכדעם האָט ער פאַרעפנטלעכט אין ענגליש אָן אַנדערע ביבליאָגראַפיע אין „ד׳שואיש בוק אַנועל״, באַנד 11, פון יאָר 5713 (1952־1953). די ביבליאָגראַפיע איז נאָכדעם דערשינען אין אַ סעפּאַראַטער אויסגאַבע דורך בעשאַנאַל דזשואיש וועלפער באָרד. די וויכטיקייט פון דער ביבליאָגראַפיע באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז קלאַסיפיצירט אויף פינף געביטן און נעמלעך: 1) ביבליאָגראַפיעס; 2) גביות־עדות, טאָג־ביכער און מעמואַרן; 3) דאָקומענטן און אַנטאָלאָגיעס 4) היסטאָרישע מאָנאָגראַפיעס, ביאָגראַפיעס און וויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען; 5) פּאָעזיע, ליטעראַרישע שאַפונגען און פאָלקס־לידער. אין דעם אַריינפיר צו דער ביבליאָגראַפיע (דאָס איז געווען אין יאָר 1952), דערקלערט ד״ר פיליפּ פרידמאַן, אַז ער האָט אויפגעזאַמלט 17,000 (זיבעצן טויזנט) איינסן וועגן דער יידישער קאַטאַסטראָפע אין די יאָרן 1939—1945. פון דער צאָל זיינען 2,840 געווידמעט דאָס פּוילישע יידנטום אין אַלגעמיין און 740 באַציט זיך ספּעציעל וועגן וואַרשעווער העראָיישן געראַנגל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַפּריל 19, 1943. אויסער אַ גאַנצע רייע אַרטיקלען וועגן וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן אַ לענגערן עסיי אונטערן טיטל: „אַ שפּאָגל נייע אויסטייטשונג פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד״, פאַרעפנטלעכט אין „צוקונפט״ (נר. 4, אַפּריל 1954). אין דעם עסיי איבט אויס ד״ר פרידמאַן אַ שאַרפע קריטיק קעגן פּראָפ. ב. מאַרק, דירעקטאָר פון היסטאָרישן אינסטיטוט אין פּוילן, פאַר נישט אָפּהיטן די אָביעקטיוויטעט פון דער געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד. די מערהייט ביכער, בראָשורן, מעמואַרן, זכרונות, אָפּהאַנדלונגען און אַרטיקלען זיינען געשריבן געוואָרן אין די פרייע לענדער און יעדער מחבר האָט געשריבן פריי אָן שום דרוק פון „העכערע אינסטאַנצן״. גאַנץ אַנדערש איז אין די לענדער פון „אונטערן אייזערנעם פאַרהאַנג״ און פון ראַטנפאַרבאַנד איז שוין אָפּגערעדט. געשיכטע מוז געשריבן ווערן אָביעקטיוו אויפן סמך פון מאַטעריאַלן, דאָקומענטן אָדער גביות־עדות, פאַרשטענדלעך באַגלויבטע. אין די לענדער פון „אונטערן אייזערנעם פאַרהאַנג״ און אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווערט געשריבן געשיכטע לויט דעם פּאָליטישן קורס פון צענטראַל־קאָמיטעט. צוליב דעם האָט פּראָפ. בערל מאַרק עטלעכע מאָל געמוזט איבערשרייבן זיין בוך וועגן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ. אין יאָר 1944 האָט ב. מאַרק באַשריבן דעם אויפשטאַנד ווי אַ קאַמף פון אַלע דעמאָקראַטישע כוחות אין געטאָ קעגן נאַציזם. אין יאָר

1947 האָט שוין מאַרק געגעבן אַן אַנדער בילד פונעם אויפשטאַנד. אויפן ערשטן פּלאַן זיינען אַרויסגערוקט געוואָרן די קאָמוניסטישע אונטערערדישע כּוחות, אָבער נאָך אַלץ האָבן קאָ־עקזיסטירט די אַנדערע יידישע ווידערשטאַנדס־אָרגאַניזאַציעס, אַפילו די רעוויִ־זיאָניסטן און די אָרטאָדאָקסישע קאַמפּס־גרופּן זיינען געווען דערמאָנט. אין דער לעצטער אויסגאַבע אין יאָר 1953 טרעטן אויף ווי דער איינציקער כּוח אין געטאָ בלויז די קאָמוניסטן, עלימינירנדיק אַלע יידישע ניִשט קאָמוניסטישע אָרגאַניזאַציעס. די ציוניס־טישע, בונדישע און חלוצישע יוגנט אָרגאַנזאַצעס, וואָס זיינען געווען די איניציאַטאָרן און אָנפירער פון אויפשטאַנד, ווערן נישט נאָר איגנאָרירט, נאָר זיי ווערן באַצייכנט ווי קעגנער פון יידישן ווידערשטאַנד. דער אמת איז, אַז די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איז באַשטאַנען פון 22 קאַמפּס־גרופּן אין וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, פון וועלכע פיר זיינען געווען קאָמוניסטישע. דאָס הייסט, אַז די קאָמוניסטן זיינען געווען אין אַ גאָר קליינער מינדערהייט אין דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. וואָס איז אייגנטלעך געשען, וואָס ב. מאַרק האָט געמוזט איבערשרייבן עטלעכע מאָל די געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד? דער ענטפער איז אַ פּשוטער, דער קאָמוניסטישער פּאָליטישער קורס. היות ווי דעמאָלט איז נאָך סטאַלין געווען דער הערשער פון רוסלאַנד טאָ זאָל דאָ איבערגעגעבן ווערן פּאַלגנדער עפּיזאָד. אין דער סטאַלין עפּאָכע איז דער וויצע־בילדונגס מיניסטער מ. נ. פּאָקראָווסקי געווען דער טאָן־געבער פון געשיכטס־פּאָרשונגען אין ראַטן־פּאַרבאַנד. פּראָפעסאָר מ. נ. פּאָקראָווסקי׳ס טעאָריע איז געווען, אַז געשיכטע איז אַ רעזולטאַט פון קלאַסן־קאַמף. אין דעם זין האָט ער באַאַרבעט די געשיכטע פון אַמאָליקן רוסלאַנד. דער אָפיציעלער קורס אין סטאַלין׳ס עפּאָכע איז געווען, אַז געשיכטע איז קלאַסן־קאַמף. דער סיסטעם און די טעאָריע, אַז געשיכטע איז קלאַסן קאַמף האָט „אויסגעשפּילט" נאָך ביים לעבן פון סטאַלינען אויף אַן אַנדער סיסטעם, אַז גרויסע פּאַקטאָרן, דאָס הייסט גרויסע פּערזענלעכקייטן באַווירקן די אַנטוויקלונג פון דער געשיכטע. דאָ האָט זיך געענדיקט דער פּאָליטישער קורס און די געשיכטס־פּאָרשונג מוז אָננעמען אַ נייע ליניע, אַ נייע טעאָריע. דאָ קומט דאָס פּראָבלעם. וואָס טוט מען מיט דעם וויצע־בילדונגס מיניסטער, פּראָפעסאָר מ. נ. פּאָקראָווסקי, וועמענס סטודענטן זיינען באַאיינפלוסט געוואָרן פון זיין טעאָריע, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען דער הויפּט־נאָמען פון קאָמוניסטישן „שולחן ערוך" פאַר היסטאָ־רישע פּאָרשונגען? גאַנץ איינפאַך: מען האָט אים שטיל געמאַכט. איוואַר ספּעקטאָר אין זיין בוך: „אַן אינטראָדאָקשן טו ראשן קאַלטשער" שרייבט, אַז מ. נ. פּאָקראָווסקי איז געשטאָרבן אין יאָר 1932. עס איז אָבער דאָ אַ ווערסיע, אַז ער איז נישט געשטאָרבן מיט קיין נאָרמאַלן טויט, נאָר איז געפאַלן אַ קרבן פון רויטן טעראָר.

אין צוזאַמענהאַנג מיטן סאָוויעטישן סדר פאַר געשיכטס פּאָרשונגען איז דאָס פּראָבלעם פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד געבליבן ביי די קאָמוניסטן ווי אַ ביין אין האַלדז. די קורס היטערס פון דער קאָמוניסטישער ליניע האָבן געשריִגן גוואַלט, היתכן? ווי איז דער פּאָליטישער קורס? ווי איז דער קאָמוניסטישער „שולחן ערוך" פאַר היסטאָרישע פּאָרשונגען? ווי איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז קאָמוניסטן האָבן געשריבן, אַז אין וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד האָבן זיך באַטייליקט ציוניסטן, בונדיסטן, רעליגיעזע יידן און אַפילו רעוויזיאָניסטן? אַלזאָ עס איז פאַרגעקומען אַ רעוואָלט, אַז

אַלץ מוז געענדערט ווערן און אַלץ מוז גערייניקט ווערן. די פירער פון די יידישע קאָמוניסטן האָבן צונויפגערופן אַ לאַנד־באַראַטונג, אַ צוזאַמענפאַר, און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ שאַרפע רעזאָלוציע קעגן דעם „רעכט נאַציאָנאַליסטישן אָפּנויג" אין די אייגענע רייען. (זען באַריכט אין דער „פאָלקס־שטימע" נומער 46 פון נאָוועמבער 12, 1948). אויף דער לאַנדעס־באַראַטונג איז „פעסטגעשטעלט" געוואָרן, אַז דער אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אַלע ווידערשטאַנדן אין די געטאָס פון אַנדערע שטעט האָבן נאָר די קאָמוניסטן אַדורכגעפירט. אין רעזולטאַט פון דעם נייעם קורס האָט פּראָפ. בערל מאַרק געמוזט עטלעכע מאָל איבערשרייבן די געשיכטע פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד אין דעם נייעם גייסט פון דער קאָמוניסטישער לאַנדעס באַראַטונג. אין דעם ענין האָט דער גרויסער נאַציאָנאַלער דיכטער ה. לייוויק אין אַן עסיי „גייסט פון וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד" פאַרעפנטלעכט אין „טאָג" מאַי 2, 1953, דערקלערט, אַז אַלע ווייסן פון די פּילצאָליקע ביכער, דאָקומענטן און לעבעדיקע עדות פון דעם פיזישן און גייסטיקן געראַנגל, אַז דער וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד איז געווען אַן אַלגעמיין נאַציאָנאַל יידישער. ה. לייוויק אין זיין עמאָציאָנעלער עמפינדלעכקייט רופט אויס: „לאָמיר לאָזן פאַר די פאַלשע היסטאָריע־מאַכער, פאַר די סטאַליניסטישע יידישע און נישט יידישע שקרנים די מלאכה צו האָבן לאַנגע פינגער ווי צו באַ'גנבֿ'ענען די נאָנסטע געשיכטע און צונעמען דעם אויפשטאַנד נאָר פאַר זיך, פאַר דער סטאַליניס־טישער ליניע, אין דער צייט ווען אַלע ווייסן, אַז דאָס סטאַליניסטישע רוסלאַנד איז געווען טויב און שטום און האַרט ווי שטיין בנוגע די יידן אין געטאָ, קאַלט און אכזריות'דיק ווי שטום און קאַלט עס איז געווען די גאַנצע וועלט. די שקרנים גייט אין לעבן צו איינפּראָפּאַגאַנדירן דעם ליגן, אַז אַ חוץ זיי זייַנען אַלע יידן געווען ניט מער ווי נידעריקע פּחדנים, זייַנען געגאַנגען ווי אַ מאַסע קעלבער צו דער שחיטה. זאָלן זיי האָבן אויף זייער שקר געוויסן אָט דעם מאיִמה'דיקן ליגן". ביים גרעסטן דרך־ארץ צום גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער איז פון היסטאָרישן שטאַנדפּונקט נישט מעגלעך מסכים צו זיין. דאָס פּראָבלעם וואַרשעווער געטאָ אויפשטאַנד האָט צו טאָן מיטן גאַנצן יידישן פאָלק פאַר אַלע דורות און צייטן און קיין שום יחיד טאָר נישט דערלויבן, אַז מען זאָל לאָזן „באַ'גנבֿ'ענען די יידישע געשיכטע". וואָס איז געווען די מיינונג פון ד"ר פיליפּ פרידמאַן אין דער פראַגע? זיין מיינונג איז געווען, אַז די געשיכטע פון יידישן ווידערשטאַנד קעגן נאַציזם מוז קומען צום אויסדרוק אין איר פולן שיין און ווירדיקער גלאָריע. צו דעם צוועק האָט ד"ר פיליפּ פרידמאַן פאַרעפנטלעכט דאָס בוך „מאַרטירס ענד פייטערס" אין וועלכן ער ברענגט צום אויסדרוק אַלע אויטענטישע דאָקומענטן, מאַטעריאַלן מיט קאָמענטאַרן. דאָס בוך אַנטהאַלט פופצן קאַפּיטלען און הויבט זיך אָן מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה און ענדיקט זיך מיט די ערשטע שפּראָצונגען פון יידישן לעבן נאָכן פאַלן פון דער נאַצי־מאַכט.

דאָס בוך „מאַרטירער און קעמפער" איז אַ גיגאַנטיש ווערק און איז אַ קאָלאָסאַלער בייטראַג צו דער חורבן ליטעראַטור אין אַלגעמיין און פאַר דעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ בפרט.

מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס:

ערשטנס. ד״ר פיליפּ פרידמאַן האָט מיט זיין בוך בייגעטראָגן אַלע מאַטעריאַל־קוואַלן פון פאַרשידענע שפּראַכן, וואָס באַהאַנדלען דאָס פּראָבלעם פון וואַרשעווער געטאָ אין איין בוך. דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס אַ גאַנצע רייע קאָמיסיעס, וואָלטן געדאַרפט אַרבעטן יאָרן צו סעגרעגירן די פּראָבלעמען אין געהעריקן און אַנטשפּרעכנדער אָרדנונג אויף קאַפּיטלען. דאָס האָט געמאַכט ד״ר פיליפּ פרידמאַן איינער אַליין, באַלייגנדיק דערמיט אַן עקזאַמען פון העכסטער ערודיציע אין דעם פּראָבלעם פון וואַרשעווער געטאָ ליטעראַטור, שפּראַכן קענטעניש און מעטאָדאָלאָגישער פּערפּעקציע.

צווייטנס. דער ציל פון בוך איז אָפּהיטן די היסטאָרישע אָביעקטיוויטעט פון די געשעענישן און אַנטוויקלונגען אין וואַרשעווער געטאָ פאַר דעם איצטיקן דור און פאַר די צוקונפטיקע דורות.

דאָס בוך ״מאַרטירס ענד פייטערס״ איז אַ געשיכטע פון אַ יידיש פּולסירנד לעבן, וואָס האָט באַווירקט דאָס וועלט יידנטום. דאָס איז אַ געשיכטע פון אַן אונטערגעגאַנגען יידיש לעבן, אַ געשיכטע פון קאַמף און העלדנטאַט. דאָס איז אַ געשיכטע פון יידישן לעבן, קאַמף און אומקום פון וואַרשעווער יידנטום אין דער מעטראָפּאָליע פון פּוילן.

דער פאַקט פון דער גרויסער פּאַראינטערעסירונג צו דעם ווערק באַווייזט, אַז גלייך נאָכן דערשיינען פון בוך אין יאָר 1954 זיינען פון מערץ ביז דעצעמבער פון זעלבן יאָר דערשינען 51 רעצענזיעס אין דער גאַנצער וועלט־פּרעסע.

## דער יידישער צייכן און דער געלער שטערן אין דער נאַצי צייט

די בראָשור איז אָנגעשריבן געוואָרן אין ענגליש אונטערן טיטל: ״דהע דזשואיש בעדזש ענד דהע יעלאָ סטאַר אין דהע נאַצי איראַ״ און איז אַ סעפּאַראַטער איבערדרוק פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן׳ס שריפט אין דער אויסגאַבע ״היסטאָריאַ דזשודאַייקאַ״, באַנד 17, נר. 1, פון חודש אַפּריל 1955. די בראָשור אַנטהאַלט 30 זייטן. דער אינהאַלט פון דער בראָשור איז אויך טיילווייז אויסגענוצט געוואָרן פאַרן בוך: ״דהעיר בראַדהערס קיפּערס״ אין קאַפּיטל 2, וואָס רופט זיך ״באַטל אָוו דהע בעדזש״, און פאַרנעמט 10 זייטן פון זייט 33 ביז זייט 42 איינשליסלעך.

ד״ר פרידמאַן ערקלערט אין דער בראָשור די גאַנצע אַנטוויקלונג פון דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע איינצופירן ספּעציעלע צייכנס פאַר יידן. אויפן נירענבערגער פּראָצעס איז באַוויזן געוואָרן, אַז אַזוי פרי ווי אין נאָוועמבער 12, 1938, דאָס הייסט אַ קנאַפּ יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה, האָט ריינהאַרד היידריך אויף אַ מיטינג אין הערמאַן געריגנ׳ס הויפּט־קוואַרטיר פאַרגעשלאָגן איינצופירן אַ ספּעציעלן צייכן פאַר יידן. אויף דעם מיטינג איז גאָרנישט דעצידירט געוואָרן אין דער פּראַגע, אָבער דאָס האָט פּערמענטירט אין די געדאַנקען פון געוויסע נאַציס, וואָס האָבן פאַרנומען פּאָזיציעס אין דער אַרמיי און אין דער אַדמיניסטראַציע פאַקטאָרן. מיטן אויסברוך פון

דער צווייטער וועלט מלחמה און אָקופּירן פּוילן, האָבן די קאָמענדאַנטן פון די באַזונדערע געביטן אויף אייגענער האַנט אַרויסגעגעבן פאַראָרדענונגען, וואָס האָבן געצוווּנגען יידן צו טראָגן ספּעציעלע צייכנס. די פאַראָרדנונגען זיינען געווען לאָקאַלע און אין פאַר־שידענע טערמינען ווי צום ביישפּיל: אין קראָקע סעפּטעמבער 8, 1939. אין ריישע, סעפּטעמבער 13, 1939; אין קאַליש, נאָוועמבער 14, 1939; און די אַלגעמיינע פאַר־אָרדענונג פון גענעראַל גובערנאַטאָר האַנס פראַנק איז אַרויסגעגעבן געוואָרן נאָוועמבער 23, 1939. די אַלע פאַראָרדענונגען האָבן זיך סותר געווען איינע מיט די אַנדערע. יעדער איינער קאָמענדאַנט האָט זיך געהאַט זיינע פיקס־אידעען אין דער פראַגע ווי צום ביישפּיל: אין קאַליש געלע אָרעם־בענדער אויף דער רעכטער האַנט; אין אַזשאָרקאָוו נעבן לאָדזש זיינען איינגעפירט געוואָרן צוויי צייכנס: איינער מיט אַן „עי" פאַר אַרבעטספעייקע און „בי" פאַר אונפעייקע צו אַרבעט. דער וולאָצלאַווקער שטאָט־קאָמיסאַר ס. א. אבערפירער קריימער האָט פאַראָרדנט אָקטאָבער 24, 1939, אַז אַלע יידן מוזן טראָגן אַ געלן דריי־עק אויף דער פּלייצע. די פאַראָרדענונג פון גענעראַל־גובערנאַטאָר האַנס פראַנק איז געווען, אַז יידן מוזן טראָגן אַ ווייסע אָרעם־באַנד מיט אַ מגן־דוד אינדערמיט. גלייכצייטיק האָט אין יעדן יידישן געשעפט געדאַרפט הענגען אַ מגן־דוד. די גענעראַלע פאַראָרדנונג פון אינערן רייכסמיניסטער אין בערלין איז אַרויסגעגעבן געוואָרן סעפּטעמבער 1, 1941, אין וועלכן עס ווערט פאַראָרדנט, אַז יידן זאָלן טראָגן אַ געלן זעקס־עקיגן שטערן און אינדערמיט אַ שוואַרצע אויפשריפט „יודע".

אויב אין פוילן איז געלונגען די נאַציס אַדורכצופירן די אָרעם־באַנד און געלע לאַטע גזירה אָן שום שוועריקייטן האָט דער ענין זיך אינגאַנצן אַנדערש פאַרגעשטעלט אין אַנדערע לענדער.

אין אַ גאַנצע רייע לענדער, אָקופּירטע דורך די נאַציס, איז פאַרגעקומען פאַר־ביטערטע שטרייטן קעגן איינפירן דעם אָרעם־באַנד. די דאָרטיקע רעגירונגען האָבן אָפּגעוואָרפן אַ פאַרשלאַג וועגן דעם ענין. צוליב דעם האָט אַדאָלף אייכמאַן י"ש צונויפגערופן אַ ספּעציעלע קאָנפערענץ אין בערלין מערץ 4, 1942, אויף וועלכער ער האָט געפאָדערט דאָס איינפירן דעם יידישן צייכן אין אַלע לענדער. נישט געקוקט אויף דעם, וואָס די נאַציס האָבן געפירט אַ גוואַלטיקע פראָפּאַגאַנדע האָט דאָס נישט געהאָלפן. דער דעמאָלסט 72־יעריקער קעניג פון דענמאַרק כריסטיאַן דער צענטער האָט דערקלערט, אַז ער וועט זיין דער ערשטער אָנצוטאָן אַזאַ אָרעם באַנד. פראַנקרייך און בעלגיע, וואָס זיינען לענדער מיט רעליגיעזע, הומאַניטאַרע און פרייהייטס טראַדיציעס האָבן עפנטלעך דעמאָנסטרירט זייער קעגנערשאַפט צו די נאַצישע אַנטי־יידישע געזעצן. אויך אַנדערע לענדער ווי אונגאַרן, בולגאַריע, גריכנלאַנד האָבן פּראָטעסטירט און געקעמפט קעגן דער איינפירונג פון יידישן צייכן, אָרעם־באַנד, אין זייערע לענדער. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט, אַז רומעניע, וואָס איז נישט געווען פריי פון יידן־האַס און אַנטיסעמיטישע אַרויסטרעטונגען אין די צייטן פון איר אומאָפּהענגיקייט, האָט גראַדע פּראָטעסטירט קעגן איינפירן דעם יידן־צייכן.

די איינפירונג פון יידישן צייכן, דער אָרעם־באַנד און דער זעקס־שטערנדיקער געלער צייכן מיט אַ שוואַרצער אויפשריפט „יודע״, האָט פאַראורזאַכט אַ מבול מיט פאַרשידנאַרטיקע צייכנס אויף די אָרעם־בענדער און נעמליך: ספּעציעלע פאַר די פּרעזעסן פון די יודענראַטן, פאַר זיינע מיטאַרבעטער, פאַר די באַזונדערע אָפּטיילונגען, ספּעציעלע פאַר דער יידישע פּאָליציי, פאַר דאָקטוירים, פאַר אויפזאַמלער פון אַלט־אייזן, פאַר מיטאַרבעטער אין דער פּרעסע, פאַר מיטאַרבעטער פון דער גיכער הילף, פאַר די אָנגעשטעלטע פון לויה ביוראָען און קברנים, פאַר אָנגעשטעלטע אין דער גיכער־הילף און צענדליקער אַנדערע. זאָל דאָ דערמאָנט ווערן, אַז אין טשענסטאָכאָוו איז אויסער דעם אָרעם־באַנד אויפן רעכטן אָרעם האָבן נאָך יידן געמוזט טראָגן אַ בלעכערנעם נומער אויף דער ברוסט. אָן אַנדערע פּלאָג זיינען געווען די צייכנס אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, וואָס איז באַשטאַנען פון פאַרשידנפאַרביקע דריי־עקן מיט נומערן. ווי עס איז צו זען, איז דער ענין אַ גאַנצער פאָרשונגס־געביט און ד״ר פיליפּ פרידמאַן האָט געטאָן אַ גאָר וויכטיקע זאַך, וואָס ער האָט קאָנצענטרירט די אַלע ידיעות וועגן אַלע לענדער, ווו די נאַציס האָבן איינגעפירט די צייכנס און גלייכצייטיק מיט פאַקטן און דאָקומענטן איבערגעגעבן ווי אַזוי די פעלקער האָבן רעאַגירט קעגן די נאַצי פאַרפאָלגונגען.

## סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען אין אַמעריקע

דער פינפטער באַנד פון דער סעריע „יידן״ איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם דובנאָוו־פאָנד און ענציקלאָפּעדיע־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, 1957, און אַנטהאַלט 436 זייטן.

אין דער אַלגעמיינער ענציקלאָפּעדיע „יידן״ באַנד 5, איז ד״ר פיליפּ פרידמאַן פאַרטראָטן מיט אַ פאָרשונגס־אַרבעט אויף זייטן 83—42 אויף דער טעמע: „סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען״. היות ווי דער באַנד באַציט זיך צו די פאַראייניקטע שטאַטן, דעריבער איז ד״ר פיליפּ פרידמאַן׳ס פאָרשונג וועגן אַמעריקע.

די פאָרשונג אַנטהאַלט 18 קאַפּיטלען און נעמט אַרום דעם באַגינען פון סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן ביז דעם יאָר 1955.

די צאָל עטנישע גרופּעס אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווערן געשאַצט אומגעפער אויף 90. לויט דער סטאַטיסטיק אָנגעגעבן דורך יעקב לעשטשינסקי, האָט די יידישע באַפעלקערונג געציילט אין יאָר 1820, 5,000 נפשות, וואָס איז געווען אַ פינפט הונדערטסטל פון איין פּראָצענט. מיט 123 יאָר שפּעטער, דאָס הייסט אין יאָר 1953, האָט די יידישע באַפעלקערונג געציילט 5,100,000 און אין פאַרגלייך מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג דריי מיט אַ פערטל פּראָצענט און אין פּראָפּאָרץ צום יידישן פאָלק אין דער וועלט 44 פּראָצענט.

אַזאַ ישוב, וואָס ציילט קיין עין־הרע 44 פּראָצענט פון יידישן פאָלק, פאַרדינט אַ

ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט בכלל און ווי אַזוי האָבן זיך פאַרמירט זיינע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען.

די ערשטע פאָרם פון געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס זיינען פאַרשטענדלעך געווען די סינאַגאָגן, וואָס יעדע איינע האָט עקזיסטירט ווי אַ קהילה אָן אַ שום צענטראַלע. עס זיינען אָבער געווען פאַלן, ווען עס איז נויטיק געווען אַן אַלגעמיינע אַרויסטרעטונג, ווי עס איז געווען דער פאַל מיט שיקן אַ גראַטולאַציע בריוו צו דזשאָרדזש וואַשינגטאָן אין יאָר 1790, דאַמאָלסט האָבן דעם בריוו אונטערגעשריבן די קהילות פון ניו־יאָרק, פילאַדעלפיע, ניו־פּאָרט און ריטשמאָנד. די ערשטע סעקולערע יידישע אינסטיטוציע איז באַשטאַנען פון אַ „היברו קלוב", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־פּאָרט, ראָהאָד־איילאַנד, אין יאָר 1761. פון אַ סאָציאַלן כאַראַקטער איז באַשטאַנען די „היברו בענעוואָלענט סאָסייטי", געגרינדעט אין טשאַרלסטאָן אין יאָר 1784, אין ניו־יאָרק אין 1822 און די ערשטע פרויען אָרגאַניזאַציע אין פילאַדעלפיע אין יאָר 1819.

מיט דעם פּראָצעס פון דייטשער איינוואַנדערונג, וואָס זיינען באַשטאַנען פון דייטשע, עסטרייכישע, טשעכישע, פּויזנער, גאַליצישע און אַנדערע יידן, האָבן זיך אָנגעהויבן צו אָרגאַניזירן נייע אינסטיטוציעס. ערשטנס „דייטשע" סינאַגאָגן אין ניו־יאָרק „בני ישורון", אין 1825, און „אנשי חסד", אין 1828. אין 1845 איז שוין אַנטשטאַנען די „דזשוּירמען היברו בענעוואָלענט סאָסייטי".

סיי אינערלעכע, סיי אויסערלעכע פאַקטאָרן האָבן באַווירקט צו שאַפן צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס און דער ווענדע פּונקט איז געווען דאָס יאָר 1840, וואָס האָט אויפגע־רודערט די יידישע עפנטלעכע מיינונג און דאָס איז געווען דער עלילת־דם־פּראָצעס אין דמשק.

אין יאָר 1843, אָקטאָבער 13, איז געגרינדעט געוואָרן דער ערשטער גרויסער פאָלקס־אָרדן, וואָס רופט זיך בני־ברית. היות ווי דער אָרדן איז געגרינדעט געוואָרן דורך דייטשע יידן האָט ער זיך גערופן „בונדעס־ברידער" און זיך באַנוצט אויף די זיצונגען מיט דער דייטשער שפּראַך. מיטן וווּקס פון דעם אָרדן איז ער פון „בונדעס־ברידער" געוואָרן „בני־ברית" און פון דער דייטשער שפּראַך אַריבער צו דער ענגלישער שפּראַך. די טעטיקייט פון אָרדן האָט זיך אַלץ מער איבערגערוקט פון פילאַנטראָפּישער טעטיקייט צו קאָנסטרוקטיווער אַרבעט, קולטור, דערציאונג און פּאָליטישע אַקטיוויטעטן. אין פאַרלויף פון 100 יאָר, פון 1843 ביז 1943, זיינען געגרינדעט געוואָרן איבער דרייסיק יידישע פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס. אין די 1940־ער יאָרן זיינען געבליבן פון זיי בלויז 12. אין אָנהויב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט האָבן זיך אָנגעהויבן צו בילדן פראַטערנאַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס זיינען פאַרבונדן מיט באַשטימטע פּאָליטישע אָריענטאַציעס און נעמליך דער „אַרבעטער רינג", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אַפּריל 4, 1892, און דער „יידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד" האָט אָנגעהויבן זיין טעטיקייט אין יאַנואַר 1913.

אין יאָר 1903 האָט דער קישעניעווער פּאָגראָם געהאַט אַן אויפטרייסלענדיקע ווירקונג אויפן אַמעריקאַנער יידנטום און דאָס האָט באַוויגן צו גרינדן אַ צענטראַלע אינסטאַנץ, וואָס זאָל רעפּרעזענטירן דאָס גאַנצע אַמעריקאַנער יידנטום. דריי באַקאַנטע יידישע כלל־טוער און פילאַנטראָפּן: אָסקאַר שטראַוס, יעקב שיף און מאיר זולצבערגער האָבן גענומען די איניציאַטיוו צו גרינדן אַ „נאַציאָנאַלן רעליף־קאָמיטעט פאַר די קרבנות פון די רוסישע פּאָגראָמען". אין 1906 איז געשאַפן געוואָרן דער אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט און אין סטאַטוט איז געוואָרן פאָרמולירט די אויפגאַבן: „די צילן פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט זאָלן זיין: צו באַקעמפן די אַנגריפן אויף די בירגערלעכע און רעליגיעזע רעכט פון די יידן אין אַלע טיילן פון דער וועלט; צו געבן יעטוועדע לעגאַלע הילף און אָנצונעמען די פּאָסיקע שריט אין פאַל ווען אַזעלכע רעכט זאָלן באַדראָט אָדער באַגרענעצט אָדער פאַרשוועכט ווערן, אָדער אין פאַל פון יעטוועדער אַנדער דיסקרימינאַציע לגבי יידן; צו מאַכן זיכער, אַז יידן זאָלן געניסן פון גלייכהייט אין פּרט פון עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און דערציערישע שאַנסן; צו העלפן די קרבנות פון רדיפות און צו ברענגען הילף אין אַלע פּורעניותן און רדיפות קעגן יידן אומעטום אין דער וועלט; צו פאַרוואַלטן מיט פאַרשידנאַרטיקע הילפס־פאָנדן, וואָס וועלן קומען אין דעם באַזיץ פונעם קאָמיטעט, סיי געשענקטע און סיי אָנפאַרטרויטע, פאַר וועלכן ניט איז פון די אַלע אויבן דערמאָנטע נויטן און צוועקן".

די וויטערדיקע אַנטוויקלונג אויפן געביט פון אַ צענטראַלער רעפּרעזענטאַנץ איז געווען דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, וואָס איז דערוויילט געוואָרן אין יוני 1917 און האָט אָפּגעהאַלטן איר ערשטע סעסיע אין פילאַדעלפיאַ אין די טעג פון 18—15 דעצעמבער 1918. דער פּראָגראַם פון קאָנגרעס האָט אויסער די גרונט פּרינציפּן פון אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט איינגעשלאָסן אַ פּראָ־ציוניסטישן פּראָגראַם ווי פאָדערן די אָנערקענונג פון די היסטאָרישע רעכט פון יידישן פאָלק אויף ארץ ישראל און די פאַרזיכערונג פון אַ יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל. דער קאָנגרעס האָט געשיקט אַ דעלעגאַציע פון 9 פּערזאָן קיין פּאַריז צו דער שלום קאָנפערענץ צו פאָדערן די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אין איראָפּעיישע לענדער. די צווייטע סעסיע פון קאָנגרעס איז פאָרגעקומען אין מאַי 1920 אויף וועלכער די דעלעגאַטן, וואָס זיינען געשיקט געוואָרן צו דער שלום קאָנפערענץ זאָלן אָפּגעבן אַ באַריכט. נאָך דער סעסיע האָט זיך דער קאָנגרעס אויפגעלייזט, ווייל ער איז געווען אַ צייטווייליקער. עטלעכע מינוטן נאָך דעם שלוס פון קאָנגרעס האָט זיך געשאַפן אַ פּראָוויזאָרישע קאָמיסיע צו שאַפן אַ נייעם פּערמאַנענטן קאָנגרעס. דער רעזולטאַט דערפון איז געווען, אַז אין 1922 איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר אין פילאַדעלפיאַ און עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פּערמאַנענטער יידישער קאָנגרעס, וואָס עקזיסטירט ביז דעם היינטיקן טאָג. דער קאָנגרעס האָט זיך אַקטיוו באַטייליקט אין אָרגאַניזירן אַ וועלט צוזאַמענפאָר און אין 1936 איז אין שווייץ, אין זשענעווע, דערוויילט געוואָרן אַ יידישער וועלט קאָנגרעס. נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה האָבן זיך די ביוראָען פון וועלט קאָנגרעס אין דער שווייץ אַריבערגעטראָגן אין 1940 קיין ניו־יאָרק וווּ זיי עקזיסטירן ביז דעם היינטיקן טאָג.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן גיט איבער גאָר אינטערעסאַנטע פּרטים וועגן דעם בראשית פון דער ציוניסטישער באַוועגונג אין אַמעריקע. ער גיט איבער עפּיזאָדן, אַז אין די יאָרן 1789, 1798 און 1799 האָט דער גייסטיקער פירער פון דער ספרדישער סינאַגאָגע „שארית ישראל״, גרשום מענדעס סיסקאַס, אין זיינע דרשות קלאָר פאָרמולירט דעם געדאַנק פון שיבת ציון. אַן אַנדערע פּערזענלעכקייט איז געווען מרדכי עמנואל נח וועלכער האָט אין אַפּריל 1818 געהאַלטן אַ רעדע אין וועלכער ער האָט פאָרמולירט דעם געדאַנק פון שאַפן אַ יידישע מדינה אין ישראל. אין די 1840־ער האָט יצחק ליסער, דער רעדאַקטאָר פון „דהי אָקסידענט״ געשריבן אין זיין צייטונג וואַרעמע אַרטיקלען וועגן הילף פאַר דעם ישוב אין ארץ־ישראל און אין 1853 איז געשאַפן געוואָרן אַ פאָנד פאַר ארץ־ישראל, צו וועלכן דער באַרימטער יידישער פילאַנטראָפּ יהודה טורו האָט בייגעשטייערט 60,000 דאָלאַר. דריי גאָר אייגנאַרטיקע עפּיזאָדן גיט איבער ד״ר פיליפּ פרידמאַן און גראַדע וועגן נישט יידן, וואָס האָבן זיך מוסר נפש געווען פאַרן ציון געדאַנק.

1) וואָרדער קרעסאָן פון פילאַדעלפיאַ איז נאָמינירט געוואָרן ווי דער ערשטער אַמעריקאַנער קאָנסול אין ירושלים אין די יאָרן 1844—1848. ווען זיין דינסט טערמין האָט זיך געענדיקט, איז ער פאַרבליבן אין ישראל, ער האָט זיך מגייר געווען און געענדערט זיין נאָמען אויף מיכאל בועז ישראל. ער האָט צוגעשיקט צו דער רעדאַקציע „דהי אָקסידענט״ פלאַם־פייערדיקע אַרטיקלען אין וועלכע ער האָט אויספירלעך אַנט־וויקלט דעם געדאַנק, אַז די לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניזאַציע פון ארץ־ישראל וועט לייזן די פּראָבלעמען פון עקאָנאָמישער נויט ביים יידישן פאָלק אין ישראל און גלייכצייטיק דערמעגלעכן די שיבת־ציון פאַר אַלע גערודפטע יידן אין דער וועלט.

2) אַן אַמעריקאַנער קריסטין פרוי קלאָרינדא ס. מיינאָר פון פילאַדעלפיאַ, האָט אין 1849 באַזוכט ארץ־ישראל און האָט באַשלאָסן צו לערנען יונגע יידן לאַנדווירטשאַפט און מלאכה. אין יאָר 1851 איז זי ווידער געפאָרן קיין ישראל, אָבער נישט אַליין, מיט אַ גרופּע יונגע יידישע ענטוזיאַסטן, געקויפט לאַנד און אָרגאַניזירט אַ קאָלאָניע נעבן תל־אביב, אונטערן נאָמען „דער באַרג פון האָפנונג״.

3) אַ גלח פון אַ שטעטל אין אילינאָי, מיטן נאָמען וויליאַם בלעקסטאָן, האָט באַזוכט ארץ ישראל אין יאָר 1889 און איז צוריקגעקומען אַ באַגייסטערטער. צוזאַמען מיט עטלעכע פריינד האָט ער אָרגאַניזירט אין שיקאַגאָ אַ קאָנפערענץ פון קריסטן און יידן, וואָס איז פאָרגעקומען אין מערץ 1891. אין נאָמען פון דער קאָנפערענץ האָט בלעקסטאָן צוגעשטעלט אַ מעמאָראַנדום צום פּרעזידענט פון די פאַרייניקטע שטאַטן בענדזשאַמין האַריסאָן, אַז עס זאָל צוריקגעגעבן ווערן די יידן פּאַלעסטינע. די פּעטיציע איז געווען אונטערגעשריבן פון אַ סך באַדייטנדיקע אַמעריקאַנער פּערזענלעכקייטן, סענאַטאָרן, קאָנגרעסמענער, גאָווערנאָרס, גלחים, שרייבער, ביזנעסמענער א.אַ.וו.

דר. פיליפּ פרידמאַן גיט איבער אַ גאַנצע רייע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן געפירט ציוניסטישע טעטיקייטן נאָך פאַר דער אַנטשטייאונג פון ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס

און נעמעלך: עמא לאַזאַרוס, י. בלוסטאָן, שמחה בערנשטיין, ראַביי אהרן ווייז (דער פֿאָטער פֿון ראַביי סטיפֿען ווייז). ער דערמאָנט די עקזיסטירנדע הובבי ציון גרופּן אין ניו־יאָרק און אין באַלטימאָר פֿון יאָר 1882. די צוויי ברידער בערנאַרד און הערִיס האָרוויטש, וואָס נאָך אַ באַזוך אין ישראל האָבן זיי אין יאָר 1896 געגרינדעט די „שיקאַגער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע נומער איינס" און צום ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס האָט די אָרגאַניזאַציע געשיקט אַ דעלעגאַט, דעם זשורנאַליסט לעאָן זאַלאַטקאָף. אויסער זאַלאַטקאָפֿן זיינען צום קאָנגרעס אויך געפֿאָרן נאָך עטלעכע דעלעגאַטן און געסט. נאָך דעם קאָנגרעס אין באַזעל, ווען די דעלעגאַטן זיינען צוריקגעקומען, האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די ציוניסטישע אַקטיוויטעט און מיטגעווירקט צו דעם האָבן די ניי אָנגעקומענע אימיגראַנטן. ד"ר פֿיליפּ פֿרידמאַן רעכנט אויס אַלע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן מיטגעווירקט אין דער אַנטוויקלונג פֿון ציוניסטישן און אַרבעטער ציוניסטישן געדאַנק, ווי אויך וועגן די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג.

ד"ר פֿיליפּ פֿרידמאַן שטעלט זיך אויך אָפּ אויף די „ווייס" (יאָנג מענ'ס היברו אַסאָסיישן'ס), די צענטער'ס, וואָס אויסער זייערע רעליגיעזע באַזיס, זיינען זיי גלייכ־צייטיק נאַציאָנאַלע, קולטורעלע און דערציערישע אינסטיטוציעס און אויך וועגן די לאַנדסמאַנשאַפֿטן. עס איז אינטערעסאַנט דער פֿאַקט, אַז בלויז אין ניו־יאָרק זיינען אין יאָר 1950 געווען אַפֿיליאירט מיט דעם „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" 2,000 לאַנדס־מאַנשאַפֿטן און 1,000 פֿרויען הילפֿס־פֿאַריינען. אַ נייע דערשיינונג זיינען אויך די אַזוי גערופֿענע פֿאַמיליע קרייזן. דער „יונייטעד דזשואיש אַפּיל" אין ניו־יאָרק שטייט אין פֿאַרבינדונג מיט אומגעפֿער 1,200 פֿאַמיליע קרייזן, וואָס האָבן אַן ערך 75,000 מיטגלידער.

די אַרבעט איז אַ וויכטיקער בייטראַג צו דער פֿאָרשונג פֿון סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען ביי יידן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

## זייערע ברידערס היטער

דאָס בוך איז דערשינען אין דער ענגלישער שפּראַך אונטערן טיטל „דהעיר בראַדערס קיפּערס", אַרויסגעגעבן דורך קראַון פֿאַרלאַג אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1957, און אַנטהאַלט 224 זייטן. דאָס בוך איז אויך דערשינען אין דער העברעיישער שפּראַך און אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך „יד ושם" אין יאָר 1960, נאָך דער פּטירה פֿון מחבר.

בכדי אָנצושרייבן דאָס בוך האָט ד"ר פֿיליפּ פֿרידמאַן געזאַמלט 10 יאָר מאַטעריאַלן. אויב ביים שרייבן דאָס בוך מאַרטירער און קעמפֿער האָט ער דיספּאָנירט מיט 17,000 איינסן, דאָס הייסט: ביכער, דאָקומענטן, מאַטעריאַלן און גביות־עדות, האָט ד"ר פֿיליפּ פֿרידמאַן צום בוך „זייערע ברידערס היטער" דיספּאָנירט מיט קנאַפּע 60,000 וויכטיקע ביבליאָגראַפֿישע איינסן. אויסער דעם זיך באַנוצט מיט נאָך נישט פֿאַר־

עפנטלעכטע מאַטעריאַלן פון פאָלגנדע היסטאָרישע אינסטיטוטן: „ייוואָ״, יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט אין ניו־יאָרק, דאָקומענטאַציע צענטער פאַר קעגנווערטיקער יידישער געשיכטע אין פּאַריז, דער יידישער היסטאָרישער אינסטיטוט אין וואַרשע, פּוילן, ווי אויך פילצאָליקע גביות־עדות און בריוו פון אַנגעזעענע פּערזענלעכקייטן און געזעלשאַפטן, וואָס האָבן אין דער צייט פון דער נאַצי קאַטאַסטראָפע אויסגעשטרעקט אַ ברידערלעכע האַנט צו די צום טויט פאַראורטיילטע יידן און זיי געראַטעוועט פון אומקום.

אין אַ צייט ווען דעם נאַצי רעזשים איז געלונגען צו פאַר׳סמ׳ען גייסטיק מיליאָנען מענטשן אין די אָקופּירטע לענדער, וואָס אַ טייל פון זיי האָבן פאַר אַ באַלוינונג מיטגעהאָלפן די נאַציס אין דער גענאָסייד פּאָליטיק און אַנדערע האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צו דער יידישער טראַגעדיע, פאַרדינען די, וואָס האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט די נאַצישע פּאָליטיק, ריזיקירנדיק מיטן אייגענעם לעבן, צו העלפן יידן, געצני און אַלזייטיק באַשריבן צו ווערן ווי אויך פאַראייביקט ווערן אין דער ליטעראַטור פון דער עפּאָכע. דאָס איז אייגנטלעך געווען דער ציל פון בוך.

דאָס יידישע פאָלק, וואָס איז געווען פאַראורטיילט, אָדער ווי אַנדערע מיינען, געבענטשט צו זיין אַ וועלט פאָלק, האָט אייגנטלעך אַ געשיכטע, וואָס איז פאַרבונדן מיט יעדן לאַנד באַזונדער. דער מצב פון די יידן איז געווען און איז אָפּהענגיק פון דער געגעבענער פּאָליטישער אוןווירטשאַפטלעכער סטרוקטור פון דעם געגעבענעם לאַנד, רעליגיעזע, קולטורעלע און הומאַניטאַרע טראַדיציעס פון דעם געגעבענעם פאָלק. דאָס איז נאָך וויניק, ווייל עס איז אויך געווען און איז אָפּהענגיק פון די באַזונדערע שיכטן, שטרייטנדע פּאָליטישע ריכטונגען, גרופּירונגען און סאָציאַלע קלאַסן. כמעט אין אַלע לענדער זיינען געווען אָרגאַניזירטע גרופּן און שיכטן, וואָס האָבן אָפן מאַניפעסטירט זייער פיינדשאַפט צו יידן, וואָס האָט זער אָפט עקספּלאָדירט אין פאַרפאָלגונגען, גאַסן עקסצעסן, גירושים און פּאָגראָמען.

דער פאַקט, אַז בירגער פון די אָקופּירטע לענדער האָבן מיטגעהאָלפן די נאַציס דרינגען אַרויס פון אויטענטישע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן. היות ווי פּוילן איז געווען דער צענטער פון די טויט פאַבריקן זאָלן דאָ איבערגעגעבן ווערן עטלעכע עפּיזאָדן. אין בוך: „אין נאָמען פון דער פּוילישער רעפּובליק״ פון אַדוואָקאַט סטעפאַן קאַרבאַנסקי, וועלכער איז געווען דער אָפיציעלער דעלעגאַט פון דער לאָנדאָנער פּוילישער גלות רעגירונג אין פּוילן, וואָס איז גלייכווערטיק צום אַמט פון פּרעזידענט פון דער געהיימער רעגירונג אין פּוילן, גיט איבער אין זיין בוך, אַז עס זיינען געווען פּוילישע דעגענעראַטן, וואָס האָבן שאַנטאַזשירט פּאָלאַקן פאַר אויסבאַהאַלטן יידן און דירעקט שאַנטאַזשירט יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אויף אַרישע נעמען ביי פּאָלאַקן. סטעפאַן קאַרבאַנסקי איז געווען אויך דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר ציווילן קאַמף. די אויפגאַבע פון דער קאָמיסיע איז געווען צו וואַכן איבער דער מאָראַל פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. די קאָמיסיע האָט אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף צו דער פּוילישער באַפעלקערונג, וואָס איז געווען אָפּגעדרוקט אין אונלעגאַלן ביולעטין

נר. 11, פון מערץ 18, 1943, אין וועלכן עס ווערט דערקלערט, אַז: „די קאָמיסיע פאַר ציווילן קאַמף פאַרשטענדיקט די פּוילישע באַפעלקערונג, אַז נישט געקוקט אויף דעם, וואָס זי איז אַליין אַ קרבן פון דייטשן טעראָר, דאַך איז זי מיט גרויסן צאָרן קעגן די דייטשע מערדער, וואָס פאַרניכטן די רעשטלעך פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פּוילן. עס איז אויסגעדריקט געוואָרן אַ שאַרפער פּראָטעסט צו דער פרייער וועלט קעגן די מערדערייען. יידן, וואָס זיינען אַנטלאָפן פון די געטאָס און טויט לאַגערן האָבן געפונען אַ באַדייטנדע שוץ פון דער פּוילישער באַפעלקערונג. דער דייטשער אָקופּאַנט האָט פאַרעפנטלעכט אַ פאַראָרדנונג וואָס דראָט מיט טויט שטראָף די פּאָלאַקן, וואָס באַהאַלטן אויס יידן. נישט געקוקט דערויף זיינען דאָ אַזעלכע יחידים, אָן ערע און אָן געוויסן, וואָס רעקרוטירן זיך פון דער פאַרברעכערישער וועלט, האָבן זיך געמאַכט אַ נייעם קוואַל פון פאַרברעכערישער הכנסה דורך שאַנטאַזשירן פּאָלאַקן, וואָס באַהאַלטן אויס יידן און אויך די יידן גופא. די קאָמיסיע פאַר ציווילן קאַמף וואָרנט, אַז די פאַלן פון שאַנטאַזש ווערן רעגיסטרירט און וועלן באַשטראָפט ווערן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט פון געזעץ אין די ראַמען פון דער מעגלעכקייט, שוין איצט און אין יעדן פאַל אין דער צוקונפט. (זייט 256). דער אויפרוף האָט גאָר ווייניק געווירקט אויף די „שמאַלצאָווניקעס״ (אַזוי האָט מען גערופן אין פּוילן די שאַנטאַזשיסטן). זיי האָבן זייער פאַרברעכערישע טעטיקייט פון שאַנטאַזשירן יידן נישט אויפגעהערט. די קאָמיסיע פאַר ציווילע רעכט האָט דעריבער געמוזט אָננעמען די געהעריקע און שטרענגע מיטלען, ווייל די „שמאַלצאָווניקעס״ האָבן שוין אָנגעהויבן אונטערצוטראָגן ידיעות צו די דייטשן וועגן דער פּוילישער אונטערגרונד באַוועגונג. ווי אַזוי האָט די אונטערגרונד באַוועגונג רעאַגירט קעגן די „שמאַלצאָווניקעס״, דערוויסט מען זיך פון זייט 209 פון דעם בוך פון אויסגעפירטע טויט אורטיילן קעגן שאַנטאַזשיסטן־פאַרעטער. דער פאַראַגראַף אין דעם בוך לייענט זיך, אַז עס איז איבערגעגעבן געוואָרן דורך דעם אונטערערדישן ראַדיאָ סטאַציע „שוויט״ פאָלגנדע ידיעה: „יוני 22, 1944. באַקאַנטמאַכן וועגן דערשיסן אויפן סמך פון ספּעציעלן געריכט. קרייז קראָקע: וואַלענטי פּאַווליק, וואַלענטי רעצא, וואַנדאַ און סלאַוואָמיר מאַרדאַק, קאָנפידענטן פון דער „געסטאַפּאָ״ און פון ספּעציעלן געריכט אין וואַרשע: אַנטאָני פּיעטזשאַק, קאַפּראַל פון דער גראַנאַטענער פּאָליציי (אַזוי האָט מען גערופן די פּוילישע פּאָליציי אין דינסט פון דער נאַצי־מאַכט, ווייל זיי האָבן געטראָגן גראַנאַטענע אוניפאָרמען) פאַר מיטאַרבעטן מיט די דייטשן צו פאַרניכטן ייִדן״. ד״ר פיליפ פרידמאַן דערמאָנט אין זיין בוך: „זייערע ברידערס היטער״, אויף זייט 119 דעם פאַקט און דערביי גיט ער איבער, אַז עס זיינען אויך געווען פּאָלאַקן פון אַן אַנדערער הויך מאָראַלישער קאַטעגאָריע און נעמלעך: „וועראָניקאַ״, אַזוי האָט מען גערופן אין דער אונטערגרונד באַוועגונג די באַקאַנטע שרייבערין סאָפיאַ קאָסאַק־שטשוקאַ, „אַלינאַ״ (פרוי פון געוועזענעם אַמבאַסאַדאָר אין די פאַרייניקטע שטאַטן וואַנדאַ פיליפּאָוויטש) און אַנדערע האָבן אין אָקטאָבער 1942 געשאַפן אַ צייטווייליקן קאָמיטעט צו העלפן יידן. מיט צוויי חדשים שפּעטער, אין דעצעמבער 1942, איז פאַרגעקומען, פאַרשטענדלעך אונלעגאַל און אין געהיים, די ערשטע נאַציאָנאַלע קאָנפערענץ. דער ציל איז געווען, אַז דער קאָמיטעט צו שיצן יידן זאָל ארומנעמען גאַנץ פּוילן. אַלס פאַרזיצער איז דערוויילט געוואָרן „טראַיאַן״, דאָס איז געווען דער געהיים נאָמען פון יוליאַן גראַבעלסקי, אַ פּוילישער סאָציאַליסט, וועלכער האָט, נישט געקוקט

אויף זיין שווינדזוכט קראַנקהייט און פאַרפאַלגונגען פון דער „געשטאַפּאָ", האָט ער אומדערמידלעך געאַרבעט לטובת יידן און מיטגעהאָלפן איינצוקויפן געווער פאַר דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. מיט אים האָבן מיטגעאַרבעט פאַרשטייער פון אַ גאַנצע רייע פּוילישע פּאַרטייען און פון דער יידישער אונטערגרונד באַוועגונג זיינען אין דעם קאָמיטעט געווען פאַרטרעטן ד"ר לעאָן פיינער און ד"ר אַדאָלף בערמאַן. די אויפגאַבן פון דעם קאָמיטעט, וואָס האָט זיך גערופן „ראַדאַ פּאָמאָצי זשידאָם" (ר. פּ. ז.) (ראַט צו העלפן יידן) זיינען געווען: העלפן פינאַנציעל יידן, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דער אַרישער זייט. זיי באַזאָרגן מיט אַרישע דאָקומענטן. אויסזוכן ערטער אויסצובאַהאַלטן יידן אין פּוילישע היימען. איינשטעלן אַ קאָנטאַקט מיט די יידן אין די צוואַנגס אַרבעטס־לאַגערן און דערטיילן הילף. פאַרבינדונגען מיט די יידישע פּאַר־טיזאַנער. ראַטעווען יידישע קינדער דורך איינאָרדענען זיי אין פאַרשידענע סאָציאַלע און קירכלעכע אינסטיטוציעס. דער „ר. פּ. ז." האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין קראָקע און לעמבערג. סטעפאַן סענדלאַק האָט אָנגעפירט מיט אַ ספּעציעלער אָפּטיילונג און געשיקט עמיסאַרן קיין ראַדאָם, קעלץ און פּיאָטרקאָוו איינצושטעלן קאָנטאַקטן און פאַרבינדונגען מיט די יידן פון די פּילצאַליקע צוואַנגס אַרבעטס־לאַגערן אין יענע געגנטן.

ד"ר פיליפ פרידמאַן שטעלט פעסט, אַז אַ דאַנק די אונדערמידלעכע אַקטיוויטעטן פון „יאלאַנטאַ" (אירענאַ סאַנדלערוונאַ) איז דעם קאָמיטעט פון „ר. פּ. ז." געלונגען איינצואָרדענען 600 קינדער אין מוניציפּאַלע און קירכלעכע אינסטיטוציעס. דער קאָמיטעט האָט אויסגעזוכט באַהעלטענישן פאַר 4,000 יידן אין וואַרשע און זיי באַזאָרגט מיט דאָקומענטן. עס ווערט אומגעפער געשאַצט, אַז אין וואַרשע און אומגעגנט זיינען געווען אויסבאַהאַלטן 20,000 יידן.

דאָס בוך אַנטהאַלט פערצן קאַפּיטלען און באַהאַנדלט די פּראָבלעמען פון ראַטעווען יידן אין דער נאַצי עפּאָכע. ד"ר פיליפ פרידמאַן דערקלערט אין זיין אַריינפיר אויף זייט 13, אַז אַמווייניקסטנס האָבן זיך אַ מיליאָן יידן געראַטעוועט פון די נאַצי הענקערס הענט. ווער זיינען דאָס געווען די, וואָס האָבן געהאָלפן די יידן זיך אַרויסצורייסן פון די נעגל פון טויט? העלדן און העלדינס, וואָס האָבן ריזיקירט מיט זייער לעבן און אַ טייל האָבן באַצאָלט מיט זייער לעבן צו ראַטעווען יידן. די אַלע פאַקטן זיינען איבערגעגעבן געוואָרן לויט לענדער ווי צום ביישפּיל: פּוילן, פראַנקרייך, האָלאַנד, בעלגיע, דענמאַרק, אונגאַרן, טשעכיע, יוגאָסלאַוויע, בולגאַריע, גריכנלאַנד, אוקראַינע, ליטע, לאַטוויע, פינלאַנד, עסטאָניע און ווייס־רוסלאַנד. ד"ר פיליפ פרידמאַן גיט איבער אַ קורצן איבערבליק וועגן די טראַדיציעס און באַציאונגען צו יידן מצד די באַזונדערע לענדער און גיט איבער מיט פאַקטן ווי אַזוי עס האָט זיך אויסגעדריקט די הילף פון נאָבעלע פּערזענלעכקייטן, וואָס האָבן זיך רעקרוטירט פון גאָר הויכע פּערזענלעכקייטן אָנהויבנדיק פון אַרצבישאָף סאַליעזש פון טולוז, מלוכה־מענער, גייסטלעכע, אינטע־לעקטואַלן, נאָנעס ווי אויך מענער און פרויען פון אַלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, נישט אויסשליסנדיק אַן אָקסן־הענדלער מיטן נאָמען יוזעפעק פון לעמבערג.

דאָס בוך האָט אַרויסגערופן אַ גוואַלטיקע פאַראינטערעסירונג אין דער יידישער און אין דער קריסטלעכער וועלט. וואָלטער ווינטשעל שרייבט אין דער ניו־יאָרקער „מיראָר", דאַטירט נאָוועמבער 10, 1957, אַז פּאָטער ד"ר דזשאָהן עי. אבריען פון נאָטר־דאַם אוניווערסיטעט האָט נאָכן איבערלייענען דעם מאַנוסקריפּט געבעטן ד"ר פיליפּ פרידמאַן צו האָבן די פּריווילעגיע צו שרייבן אַ פאָרוואָרט צום בוך.

פּראָפ. ד"ר אבריען׳ס פאָרוואָרט צום בוך לייענט זיך ווי אַ דעקלאַראַציע פון יידן פאַרברידערונג.

דאָס דערשיינען פון דעם בוך „זייערע ברידערס היטער", איז באַצייכנט געוואָרן מיט אַ גרויסער פייערונג אין וואַלדאָרף־אַסטאָריאַ האָטעל, איינגעאָרדנט דורך דער בני־ברית אַנטי־דעפימיישן ליג, אין וועלכע עס האָבן זיך באַטייליקט דיפּלאָמאַטן פון אַכט לענדער, קירכן לידער און שטאַטס־פירער. עס איז אויך געמאַכט געוואָרן אַ פלאַק דורך דעם קינסטלער דאָמעניקא פאַצי און איז באַזירט אויף דזשאָן גראַט׳ס אַ צייכנונג, וואָס סימבאָליזירט אַ יידישע פאַמיליע. דער פלאַק איז פּרעזענטירט געוואָרן צו דער ווילקי מעמאָריאַל בילדינג 20 וועסט, פערציקסטע סטריט אין ניו־יאָרק.

וועגן דעם בוך זיינען געווען געדרוקט אָפּהאַנדלונגען אין דער גאַנצער וועלט פּרעסע און צווישן די רעצענזענטן געפינען זיך אַזעלכע קאָפּאַציטעטן ווי: דיען דזשיימס עי. פּייק, אַרצבישאָף קושינג פון באָסטאָן, פּראָפעסאָר ד"ר סעלאַ באַראָן, די ריטערן פון פעלקער פאַרברידערונג מאַדאַם עלענאָר רוזוועלט און אַנדערע.

דאָס בוך „זייערע ברידערס היטער" האָט אַריינגעדרונגען אין הייזער און היימען, וואָס האָבן גאָרנישט געהאַט קיין אַנונג וועגן דער חורבן־עפּאָכע און דערפאַר איז דאָס פון גרויס וויכטיקייט צו באַקענען די ענגליש ריידנדיקע וועלט מיט די ברוטאַ־ליטעטן און גרויזאַמקייטן פון היטלעריזם און נאַציזם. דאָס בוך האָט אויך אויפגע־שוידערט די וועלט קעגן טיראַניע, טעראָר, נאַציזם און ווילקיר און געשאַפן אַן אַטמאָספער פון פריינטשאַפט באַציאונגען פון דער קריסטלעכער וועלט צום יידישן פאָלק.

## דאָס בוך „טשענסטאָכאָווו"

דאָס בוך „טשענסטאָכאָווו" איז דערשינען אין יאָר 1958, אַנטהאַלט 340 זייטן און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם פאַראייניקטן טשענסטאָכאָווער רעליף קאָמיטעט אין ניו־יאָרק.

ד"ר פיליפּ פרידמאַן׳ס אַרבעט אין דעם בוך איז אונטערן טיטל: „אומקום און ווידערשטאַנד פון טשענסטאָכאָווער יידן אין דער צייט פון דער נאַצישער אָקופּאַציע".

די אַרבעט באַשטייט פון אַ ביבליאָגראַפישן איבערבליק איבער 107 ביבליאָגראַפישע איינסן, דערשינען אין פינף שפּראַכן: יידיש, העברעייש, ענגליש, פּויליש און פראַנ־צויזיש און באַהאַנדלען די פּראָבלעמען פון דער חרוב געוואָרענער שטאָט טשענסטאָכאָוו, וואָס איז געווען לויט דער ריי די אַכטע גרעסטע יידישע קהילה אין פּוילן.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן האָט מיט יעדער זיינער אַרבעט עפּעס מחדש געווען. אויב אַזוי טאָ מיט וואָס אונטערשיידט זיך די ביבליאָגראַפיע פון אַנדערע ביבליאָגראַפיעס? דער אונטערשייד באַשטייט אין דעם, אַז די ביבליאָגראַפיע אַנטהאַלט אַ זאַכלעכן אינדעקס.

די ביבליאָגראַפיע הויבט זיך אָן מיט אַן אַלגעמיינעם אַריינפיר אין וועלכן ד״ר פיליפּ פרידמאַן גיט אָן די מעטאָדאָלאָגיע פון דער ביבליאָגראַפיע. נאָכדעם זיינען אין אַלפאַבעטיקל אָרדנונג אָנגעגעבן די מחברים מיט זייערע אַרבעטן מיט אַ קורצער דערקלערונג וועגן יעדער פּובליקאַציע, דערביי איז יעדע אויסגאַבע באַצייכנט מיט אַ לויף נומער. נאָכדעם איז דאָ אַן אינדעקס פון די מחברים מיט באַצייכנטע נומערן. דאָס מאַכט מעגלעך גלייך פעסטצושטעלן וויפיל און וועלכע אַרבעטן יעדער מחבר האָט אָנגעשריבן. דער זאַכלעכער אינדעקס ווייזט אָן רעפערענץ מאַטעריאַלן צו יעדער טעמע פון די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון יידישן לעבן, קאַמף און אומקום פון טשענסטאָכאָווער יידנטום. דאָס איז פון אומגעהויערער וויכטיקייט פאַר פאָרשער פון דער חורבן עפּאָכע, ווייל דאָס איז דער וועג־ווייזער צו געפינען די נויטיקע מאַטעריאַלן צו באַהאַנדלען ספּעציפישע פּראָבלעמען פאַר קאָמפּעראַטיווער פאָרשונג.

דער זאַכלעכער אינדעקס איז אַ רעזולטאַט פון אַלגעמיינע קענטענישן פון דער חורבן־פּראָבלעמאַטיק פון איין זייט און פון דער צווייטער — אַ גענויע קענטניש פון אַלע פּובליקאַציעס וועגן דער שטאָט טשענסטאָכאָוו.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן האָט מיט דער ביבליאָגראַפיע געמאַכט אַ וויכטיקן בייטראַג צו דער פאָרשונג פון דער חרוב געוואָרענער יידישער קהילה אין טשענסטאָכאָוו.

## וועג-ווייזער צו דער יידישער געשיכטע אונטער דער נאַצי-אונטערדריקונג

דאָס בוך איז דערשינען אין דער ענגלישער שפּראַך אונטערן טיטל: „גאַיד טו דזשואיש היסטאָרי אַנדער נאַצי אימפּאַקט״ און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך „יד ושם״ ירושלים און „ייוואָ״ ניו־יאָרק, 1960 און אַנטהאַלט 425 זייטן. די מחברים פון דעם בוך זיינען: ד״ר דזשייקאָב ראָבינסאָן און ד״ר פיליפּ פרידמאַן. זאָל דאָ אין עטלעכע שורות דערקלערט ווערן ווער עס איז ד״ר ראָבינסאָן. ער איז אַ פּראָמינענטער לאַיער און פּאַרלאַמענטאַריער. ער איז אַ ראַטגעבער צו רעגירונגען און אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס. ער איז מחבר פון פילצאָליקע ביכער און עסייען, וואָס פאַרנעמען זיך מיט פּראָבלעמען פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ, אָרגאַניזאַציע סיסטעמען אין קעגנ־

ווערטיקע יידישע געשיכטע. ער איז געווען לעקטאָר אין קאָלומביאַ אוניווערזיטעט און אין דער אַקאַדעמיע פון אינטערנאַציאָנאַלן געזעץ אין האַאַג. אין דער צייט פון דעם פּראָצעס פון די דייטשע הויפּט קריגס פאַרברעכער אין נירנבערג איז ד״ר ראָבינסאָן געווען דער ספּעציעלער קאָנסולטאַנט פאַר יידישע אַנגעלעגנהייטן פאַר דעם אַמעריקאַנער הויפּט קאָונסיל שעף ריכטער ה. דזשעקסאָן פון סופרים געריכט אין די פאַראייניקטע שטאַטן, וואָס איז געווען ריכטער אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן טריבונאַל צו משפּטן די הויפּט קריגס פאַרברעכער.

די יידישע נאַציאָנאַלע קאַטאַסטראָפע אין די לענדער, ווו די נאַצי־מאַכט האָט באַטראָטן אירע שטיוול איז אָן פּרעצעדענט אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. די דייטשן, וואָס האָבן זיך אַליין גערימט, אַלס פאָלק פון „דיכטער און פילאָזאָפן״, זיינען אין ווילדע באַרבאַרן און מאַסן מערדער פאַרוואַנדלט געוואָרן. אין פאַרלויף פון עטלעכע יאָר האָבן זיי מיט באַמבעס, פייער און שווערד פאַרכאַפּט כמעט גאַנץ אייראָפּע און די פעלקער פאַרשקלאַפט, אַנצינדנדיק דערמיט דאָס פייער פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דער טעכנישער אויסראָטונגס פּאָליטיק פון דער היטלער מאַכט האָט אַממערסטן געליטן דאָס יידישע פאָלק פון דער נאַצישער מעכאַניזירטער טויטונגס אינדוסטרי אין די מאָרד און טויט לאַגערן.

וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס יידישע לעבן פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, פון רעליגיעזן, גייסטיק קולטורעלן, סאָציאַל־עקאָנאָמישן און פּאָליטישן זין? ווי אַזוי זיינען געקומען צום אויסדרוק די באַציאונגען פון די אייראָפּעיישע פעלקער צו יידן פאַר דער צווייטער וועלט מלחמה, אין דער צייט פון חורבן און נאָך דער נאַציאָנאַלער קאַטאַסטראָפע? ווי אַזוי האָט די היטלער מאַכט אויספּלאַנירט און אַדורכגעפירט איר רויב און מאָרד פּאָליטיק קעגן אייראָפּעיישן יידנטום? ווי אַזוי האָבן יידן רעאַגירט? ווי אַזוי האָבן יידן געלעבט, געקעמפט און אומגעקומען? דאָס לעבן פון די רעשטלעך לעבן־געבליבענע יידן נאָך דער קאַטאַסטראָפע? עמיגראַציע פון די־פּיס, רעהאַבילי־טאַציע, רעסטיטוציע א. א.וו. וועגן די אַלע פּראָבלעמען גיט דאָס בוך די געהעריקע אָנווייזונגען ווי אַזוי זיי צו פאָרשן און דעריבער הייסט דאָס בוך: „וועג־ווייזער צו דער יידישער געשיכטע אונטער דער נאַצי אונטערדריקונג״.

די מחברים פון בוך באַלערנען דאָס ערשטע, אַז בכדי צו פאָרשן די פּראָבלעמען פון דער חורבן־עפּאָכע מוז מען צוערשט באַזיצן אַ געהעריקן וויסן פון דער אַלגעמיינער יידישער געשיכטע און דערפאַר הויבט זיך אָן די ערשטע טייל מיט וועזנטלעכע, פונדאַמענטאַלע ווערק וועגן יידישער געשיכטע אין דער וועלט און וועגן יעדן לאַנד באַזונדער אין אַ גאַנצע ריי שפּראַכן. גלייכצייטיק וועגן ביכער, וואָס באַהאַנדלען פּראָבלעמען וועגן דריטן רייך, טאָטאַליטאַריזם, נאַציזם און פאַשיזם.

דאָס בוך איז אייגנטלעך אַ ביבליאָגראַפיע וועגן אַלע דערשינענע ביכער ווי אויך אויטענטישע אַרכיוואַלע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן וועגן די אויבן אויסגערעכנטע פּראָבלעמען. ביז איצט זיינען דערשינען אַ גאַנצע רייע ביבליאָגראַפיעס וועגן באַזונדערע

שטעט און לענדער אין פאַרשידענע שפּראַכן, דעריבער איז די צווייטע טייל פון „וועג־ווייזער״ געווידמעט די דערשינענע ביבליאָגראַפיעס. עס איז נישט קיין איבערחזורונג פון יענע דערשינענע ביבליאָגראַפיעס, נאָר אַן אָנווייז, אַז אַזעלכע ביבליאָגראַפיעס זיינען דערשינען, מיט וואָס זיי פאַרנעמען זיך, ווען און ווו דערשינען, דער מחבר פון יעדער ביבליאָגראַפיע און די צאָל זייטן. די טייל פון בוך איז דעריבער אַ ביבליאָגראַפיע וועגן ביבליאָגראַפיעס.

דאָס פּראָבלעם קאָנצענטראַציע־לאַגערן ווערט באַהאַנדלט פון פאַרשידענע אַספּעקטן אין אַ גאַנצע רייע טיילן פון בוך. דאָס איז אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך, ווייל נאָך אין יאָר 1946 האָט ד״ר פיליפּ פרידמאַן אין אַ פאָרוואָרט צו נחמן בלומענטאַל׳ס בוך: „מאַטעריאַלן און דאָקומענטן״, דערשינען אין דער פּוילישער שפּראַך אין לאָדזש, געגעבן אַן אַלגעמיינע באַלויכטונג וועגן די נאַצי־צילן אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. ער האָט געשריבן, אַז די פאַרשידענע טיפּן לאַגערן האָבן געדינט פאַר לאַנגזאַמע און מאָמענטאַלע אויסמאָרדונג פון מענטשן. (זייט 2 פון פאָרוואָרט). די פאָרשונג וועגן לאַגערן האָט באַקומען אַ ספּעציעלן נאָמען און נעמליך: „לאַגעראָלאָגיע״ און אין ענגליש „קעמפּאָלאָדזשי״. (וואַרשיינלעך שטאַמט דער אויסדרוק פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן, ווייל ער האָט אויך געשאַפן דעם אויסדרוק „דער דריטער חורבן״ צו באַצייכענען די נאַצי־עפּאָכע). זאָל דאָ אויך דערמאָנט ווערן דער אויסדרוק „דזשענאָסייד״, וואָס איז געשאַפן געוואָרן דורך ד״ר רפאל לעמקין, וועלכער האָט אומדערמידליך געקעמפט, אַז אַלע פאַרלאַמענטן אין דער וועלט זאָלן אָננעמען געזעצן קעגן דזשענאָסייד, פעלקער־מאָרד. אויפן וועג פון דעם אומגעהוירן קאַמף איז ער פריצייטיק אַוועק פון דער וועלט. ער איז דערמאָנט צוויי מאָל אין דעם בוך „וועגווייזער״ אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין קרוין־ווערק אויף דעם געביט אונטערן טיטל: „עקזיס רול אין אָקופּייד יוראָפּ״, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1944, וואָס געפינט זיך אין כתב יד אין וואַשינגטאָן אין דעפּאַרטמענט פון אינטערנאַציאָנאַלער געזעץ און אַנטהאַלט 674 זייטן מאַשין־שריפט.

ווי שוין דערמאָנט פאַרנעמט „קעמפּאָלאָדזשי״ אָדער „לאַגעראָלאָגיע״ אַ גאַר אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דעם בוך און דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס איז געווען דער הויפּט־אינסטרומענט פון דער נאַצישער מאָרד טעכניק. די גרעסטע צאָל ביכער וועגן דעם פּראָבלעם זיינען וועגן פּוילן און דאָס איז דערפאַר, ווייל פּוילן האָט געהאַט די גרעסטע צאָל קאָנצענטראַציע און טויט־לאַגערן. אין פּוילן זיינען געווען 435 — פיר הונדערט און פינף און דרייסיק קאָנצענטראַציע־לאַגערן — (זע: סענטראַל קאָמישן פאַר דזשווירמען קריימס אין פּאָלענד, וואַרשע 1946, באַנד 1, זייט 22). אויסער די קאָנצענטראַציע לאַגערן זיינען אין פּוילן געווען זעקס טויט־לאַגערן און זיי זיינען: כעלמנאָ, אוישוויץ, טרעבלינקע, מאַידאַנעק, בעלזשעץ און סאָביבאָר.

אַן אַנדער קאָמפּלעקס פּראָבלעמען אין „וועגווייזער״ איז געטאָ, וואָס האָט אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע עטאַפּן ווי: וווין־געביטן, אָפענע־געטאָס, פאַרמאַכטע־געטאָס, קליינע־געטאָס און נאָכדעם די ליקווידאַציע פון די געטאָס. מיט די באַזונדערע פאָרמען פון געטאָס זיינען פאַרבונדן פאַרשידנאַרטיקע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע סטרוקטורן, פאָרמען

פון פאַרפאָלגונגען, רעפּרעסיעס, אינדיווידועלע און מאַסן דערשיסונגען, הונגער, עפּי־דעמישע קראַנקהייטן, מאַסן־שטערבלעכקייט, קאָנפיסקאַציע פון באַוועגלעכן און אומ־באַוועגלעכן פאַרמעגן, געטאָ אינסטיטוציעס, איבערזידלונגען, אויסזידלונגען, פאַרשיקונגען אין צוואַנגס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, דעפּאָרטאַציעס צו די טויט־לאַגערן, ווידער־שטאַנדס־קאַמף און אויפשטאַנדן. אויב די פאַרשונג וועגן די לאַגערן האָט באַקומען דעם נאָמען „לאַגעראָלאָגיע" און אין ענגליש „קעמפּאָלאָדזשי", וואָלט געוועז מער ווי רעכט, אַז די פאַרשונג וועגן די געטאָס זאָל אויך האָבן אַ ספּעציעלן נאָמען. דער נאָמען אין יידיש זאָל זיין „געטאָלאָגיע" און אין ענגליש „געטאָלאָדזשי". די פּראָבלעמען פון געטאָלאָגיע קומען צום אויסדרוק אין בוך אין דריי קאַפּיטלען און נעמלעך: „געטאָ־פּלענער", „דאָס געטאָ רעדט" און „געטאָ־קעמפּער".

דאָס גאַנצע בוך אַנטהאַלט 22 טיילן, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַ לאַבאָראַטאָריע פון דער חורבן פאָרשונג. דער „וועגווייזער" איז אויפגעבויט געוואָרן כמעט אויף דער גאַנצער ליטעראַטור, וואָס האָט נאָר אַ שיכות מיט דער חורבן־עפּאָכע פאָרשונג אין 24 שפּראַכן.

פון דעם „וועגווייזער" דערוויסט מען זיך, אַז ד"ר פיליפּ פרידמאַן האָט פאַר־עפנטלעכט נישט ווייניקער ווי 62 פאָרשונגס אַרבעטן וועגן דריטן חורבן. אַ גאַנצע רייע פון זיינע אַרבעטן זיינען דערשינען אין אַ גאַנצע רייע שפּראַכן.

דער פּלאַן פון אַרויסגעבן אַזאַ ווערק ווי דער „וועגווייזער" איז נאָר מעגליך געוועזן אַ דאַנק דעם, וואָס ד"ר פיליפּ פרידמאַן האָט דיספּאָנירט מיט 60,000 (זעכציק טויזנט) ביבליאָגראַפישע איינסן, ביים באַאַרבעטן זיינע פריערדיקע פּובליקאַציעס.

סיי פּראָפעסאָר ד"ר בן־ציון דינור און סיי פּראָפעסאָר ד"ר סעלאָ באַראָן שרייבן אין זייערע פאָרווערטער מיט דער גרעסטער אנערקענונג וועגן דער וויכטיקער באַדייטונג פון דעם „וועגווייזער", וואָס האָט געלייגט די הויפּט פונדאַמענטן פאַר דער אַלגעמיינער געשיכטס־פאָרשונג אין אַלגעמיין און פאַר דער פאָרשונג פון דער חורבן־עפּאָכע בפרט.

ד"ר פיליפּ פרידמאַן איז געוועזן די גייסטיקע נשמה פון דעם ווערק: „וועגווייזער צו דער יידישער געשיכטע אונטער דער נאַצי אונטערדריקונג" און עס איז אַ טיפער ווייטיק וואָס אים איז נישט געוועזן באַשערט צו זען די פּובליקאַציע, ווייל זי איז דערשינען נאָך זיין טויט.

זאָל דאָ גלייכצייטיק אונטערגעשטראָכן ווערן די וויכטיקע ראָלע פון ד"ר יעקב ראָבינסאָן. אַ דאַנק זיין מי, אָנשטרענגונג, היסטאָרישע, מעטאָדאָלאָגישע, פילאָלאָגישע און יורידישע קענטנישן און פינאַלע רעדאַקציע איז דאָס בוך דערשינען. מיט דעם בוך האָט זיך ד"ר יעקב ראָבינסאָן דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פון יידישער געשיכטס־פאָרשונג אַלס היסטאָריקער און ביבליאָגראַף.

# יידן אין אוקראַינע

דאָס בוך איז דערשינען אין 1961 און איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דער געזעל־שאַפט צו פאַראייביקן דעם אָנדענק פון די אוקראַינער יידן. ד״ר פיליפ פרידמאַן איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון דעם בוך און איז פאַרטרעטן מיט דער ערשטער אַרבעט אונטערן טיטל: „די געשיכטע פון יידן אין אוקראַינע״. די פאָרשונג נעמט אַרום פון די עלטסטע צייטן ביז דער ענדע פון אַכצנטן יאָרהונדערט. ד״ר פיליפ פרידמאַן האָט אָנגעהויבן די אַרבעט פון דעם בראשית פון מזרח אייראָפעיישן יידנטום. ער מאַכט אַן איבערבליק איבער דער פרע־היסטאָרישער צייט, די העלעניסטישע און רוימישע תקופה. אַ באַזונדער פּראָבלעם איז די אַנטשטייאונג, אַנטוויקלונג און אונטער־גאַנג פון דער כוזרישער מלוכה. די אַנדערע קאַפּיטלען זיינען געווידמעט די פּאָליטישע און ווירטשאַפטלעכע סטרוקטורן פון אוקראַינע אונטער דער מאָנגאָלישער הערשאַפט, ליטווישער הערשאַפט, פּוילישער הערשאַפט און צאַרישער הערשאַפט. שילדערנדיק די לאַגע פון די יידן אין אוקראַינע דערמאָנט ער די קאָזאַקישע אויפשטאַנדן, גזירות ת״ח ות״ט, פּאָגראָמען, באַציאונגען צווישן יידן און קריסטן, אַנטיסעמיטיזם און אַנטי יידישע פּראָצעסן. דער סטאַטוס און רעכטלעכע לאַגע פון די יידישע קהילות, סטאַ־טיסטיקס און אַ גאַנצע רייע אַנדערע פּראָבלעמען. אין דער פאָרשונג געפינט זיך אַ באַזונדער קאַפּיטל געווידמעט די מיסטישע און משיחישע באַוועגונגען. עס ווערט אויך אַנאַליזירט די צוויי פאַלשע משיחים: שבתי צבי און יעקב פראַנק. עס איז זער כאַראַקטעריסטיש דער פאַקט, אַז ד״ר פיליפ פרידמאַן האָט אָנגעשריבן עטלעכע עסייען אין וועלכע ער רופט אָן די פּרעזעסן פון די יודענראַטן מיט דעם זעלבן נאָמען: פאַלשע משיחים. דער ערשטער עסיי איז געווען פאַרעפנטלעכט אין „קולטור און דערציאונג״ אין פעברואַר נומער פון 1950 אונטערן טיטל: „דער משיח קאָמפּלעקס פון אַ געטאָ דיקטאַטאָר״. צוויי עסייען אין העברעישן זשורנאַל „בצרון״ נר. 3 פון 1953 און נר. 4 פון 1954 אויף דער טעמע: „דער משיחישער קאָמפּלעקס פון געטאָ תקיפים״ און אין דער לאָנדאָנער העברעיישער אויסגאַבע „מצודה״ באַנד 7, 1954 אַן עסיי: „פאַלשע דערלייזער אין די געטאָס אין פּוילן״.

דאָס בוך איז פון גאָר גרויס וויכטיקייט, ווייל די געשיכטע פון יידן אין אוקראַינע נעמט אַרום אַלע אַספּעקטן פון דער געשיכטע פון יידן אין מזרח אייראָפּע. דאָס איז אַ גאָר גרויס געביט און דערפאַר האָט די רעדאַקציע געפלאַנט אַרויסצוגעבן דריי בענדער אין דריי שפּראַכן. דערווייל איז דערשינען דער ערשטער באַנד. ווען? אין 1961 און ד״ר פיליפ פרידמאַן איז אַוועק אין דער אייביקייט פעברואַר 7, 1960. נישט באַשערט איז אים געווען צו זען פאַר זיינע אויגן די אַרבעט געדרוקטערהייט. אין דער אַרבעט „די געשיכטע פון יידן אין אוקראַינע״ זעט מען בפירוש די קאָנטורן פון אַ גרויסן פאַרמעסט, וואָס ד״ר פיליפ פרידמאַן האָט געפלאַנט, צו שרייבן די געשיכטע פון מזרח אייראָפעיישן יידנטום.

# ד״ר פיליפ פרידמאַן אין מאָנטרעאל

ד״ר פיליפ פרידמאַן איז געווען אַן אויסגעצייכנטער און בריליאַנטענער אָראַטאָר. אויף דעם געביט האָט ער באַזעסן אַן איבערנאַטירלעכע קראַפט. זי האָט זיך אויסגע־דריקט אין דעם, וואָס זיינע צוהערער האָבן ממש געזען פאַר די אויגן די געשעעענישן פון היסטאָרישע צייטן, עפּאָכן און דורות, וואָס זיינען דורך אים מייסטערהאַפט געשילדערט געוואָרן אין אַ פּאָפּולערער, קלאָרער, דייטלעכער און רייכער אויסשפּראַך. ער איז דעריבער געווען זער אָפט גאַסט רעדנער אויף פאַרשידענע קאָנפערענצן, קאָנוועגשנס פון אַן אַקאַדעמישן כאַראַקטער.

אין מאָנטרעאל איז ד״ר פיליפ פרידמאַן געווען צוויי מאָל. דאָס ערשטע מאָל אין חודש מערץ 1950 און דאָס צווייטע מאָל אין אָקטאָבער 1958.

אין מערץ 1950 איז ד״ר פיליפ פרידמאַן געווען איינגעלאַדן דורך דעם יידישן פאָלקס־אוניווערזיטעט ביי דער ביבליאָטעק און ער האָט אָפּגעהאַלטן אַ זעקס־טאָגיקן סעמינאַר אויף דער טעמע: „די געשיכטע פון דריטן יידישן חורבן״. דער סעמינאַר האָט זיך געשלאָסן מיט אַן עפנטלעכער לעקציע אין האָלל פון „אַרבעטער רינג״ אויף דער טעמע: „סאָציאַלע און עטישע פּראָבלעמען ביי יידן אין דער נאַצי־תקופה״.

אין אָקטאָבר 1958 איז ד״ר פיליפ פרידמאַן געווען דער גאַסט פון אַ גאַנצע רייע אינסטיטוטציעס און נעמליך: אוניווערזיטעט אָוו מאָנטרעאל, קאָונסיל פאַר יידישער און קריסטלעכער ברודערשאַפט, יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק, טעמפל עמנואל, און דער יידישער קולטור־קלוב, וואָס האָט זיך דעמאָלסט גערופן סנאָודן קולטור־קלוב. דאָס איז געווען אַ יאָר נאָך דער דערשיינונג פון זיין בוך: „דהעיר בראַדהערס קיפּערס״, וואָס האָט געמאַכט אַ גאָר גרויסן רושם אין דער גאַנצער וועלט. זיינע לעקציעס זיינען דעריבער געווען געווידמעט די פּראָבלעמען, וואָס ער האָט באַהאַנדלט אין דעם בוך.

ד״ר פיליפ פרידמאַן איז דעמאָלסט דערשינען מיט זיין גאַנצן פּראַכט און גלאַנץ, מיט זיין גרויסן וויסן און חכמה, מיט זיין טיפע ערודיציע און מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיין שטימע ווי אין יאָר 1950. קיינער האָט זיך דעריבער נישט געקענט פאָרשטעלן, אַז דאָס זיינען געווען כמעט ווי די לעצטע לעקציעס, וואָס ער האָט געהאַלטן, ווייל קורץ נאָכדעם האָט אים אַ קראַנקהייט צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט און איז אַוועק אין דער אייביקייט.

מאָנטרעאל האָט געהאַט דעם זכות צו האָבן ד״ר פיליפ פרידמאַן אַלס גאַסט און צו הערן זיינע באַלערנדיקע לעקציעס 16 חדשים פאַר זיין טויט.

## אַלגעמיינע אויספֿירונגען און מיינונגען וועגן ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן

צוויי מעטאָדן זיינען פֿאַראַן ביים באַטראַכטן און אַנאַליזירן היסטאָרישע דערשיי־נונגען: 1) לויט עפּאָכן און 2) לויט פּראָבלעמען. די מערהייט היסטאָריקער באַפֿאַסן זיך מיט דער ערשטער מעטאָדע, לויט עפּאָכן. דאָס הייסט, אַז זיי ספּעציאַליזירן זיך אין געוויסע צייט אָפּשניטן ווי למשל: סכאָלאַסטיציזם, הומאַניזם, רעפֿאָרמאַציע און ענלעכע. גאָר אַ קליינע צאָל באַפֿאַסן זיך מיט דער מעטאָדע לויט פּראָבלעמען, ווייל דערצו מוז מען זיין אַ מענטש מיט אוניווערסאַלן וויסן און באַהערשן די גאַנצע וועלט געשיכטע און ליטעראַטור, בכדי צו קענען באַלויכטן דאָס באַהאַנדלטע פּראָבלעם פֿון בראשית העולם ביז צו דער היינטיקער צייט. ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן איז געווען דער, וואָס האָט באַהאַנדלט אַלע געשעענישן לויט פּראָבלעמען און דאָס איז דערפֿאַר, ווייל ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אוניווערסאַלן וויסן און מיט אַ פֿענאָמענאַלן זכרון.

ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן איז געווען אַ היסטאָריקער פֿון אַלגעמיינער יידישער געשיכטע. דער באַווייז אויף דעם זיינען פּילצאָליקע ביכער און אַרבעטן און נעמליך: „די גאַלי־ציאַנער יידן אין קאַמף פֿאַר גלייכבאַרעכטיקונג״, „די געשיכטע פֿון יידן אין לאָדזש״ און אין 1957 זיין אַרבעט: „סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען״ אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן.

ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן האָט אַדורכגעמאַכט אַלע צרות, פּיין, נגישות און פֿאַר־פֿאָלגונגען אין דער נאַצי־עפּאָכע און אַלס היסטאָריקער פֿון קעגנווערטיקע געשיכטס־פֿאַרשונגען איז ער געווען דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעהויבן די פֿאַרשונגען און פֿאַרעפֿנטלעכן פֿאַר דער וועלט די נאַצישע גרויל־טאַטן. ער איז געווען דער הויפּט־פֿאָרשער פֿון דער חורבן־עפּאָכע און זיך דערוואָרבן אַ וועלט־נאָמען אויף דעם געביט. ער האָט באַווירקט, אַז אַנדערע זאָלן שרייבן און מיטגעהאָלפֿן אַרויסצוגעבן ביכער וועגן חורבן פּראָבלעמען. אינטערעסאַנט איז דאָס, וואָס א. וואָלף יאַסני אין די „לעצטע נייעס״ אין תל־אביב, פֿון פֿעברואַר 12, 1960, האָט געשריבן: „ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן איז פּאַקטיש געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער געשיכטע פֿאַרשונג פֿון יידישן געראַנגל, פּיין און אומקום אין דער היטלער תקופֿה״.

אין זשורנאַל: „פֿאַקטן און מיינונגען״, נר. 171 פֿון מערץ 1960, זייט 11, וואָס ווערט אַרויסגעגעבן דורך דעם פֿאַרשונגס אינסטיטוט ביים אַרבעטער־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, האָט די רעדאַקציע דערקלערט אין אַן עדיטאָריאַל: „ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן איז געווען אַ היסטאָריקער פֿון גרויסן פֿאַרנעם. חוץ וויסנשאַפֿטלעכער ערודיציע האָט ד״ר פֿיליפּ פֿרידמאַן נאָך פֿאַרמאָגט איין גרויסע מענטשלעכע מעלה, וואָס איז פֿאַר אַרבעט אויפֿן געביט פֿון געשיכטע נישט ווייניקער וויכטיק ווי די וויסנשאַפֿטלעכע פֿאָרש־מעטאָדן. ער איז געווען אַן אויסערגעוויינליך געוויסנהאַפֿטער מענטש. יעדע שורה פֿון זיין פֿעדער איז געווען געמאָסטן און געוואויגן, יעדע באַהויפּטונג — פֿעלזן־פֿעסטיקער אמת״.

פון אַ גאָר וויכטיקער באַדייטונג איז דאָס, וואָס בערל מאַרק האָט געשריבן וועגן ד״ר פיליפּ פרידמאַן. בערל מאַרק איז פּראָפעסאָר פאַר געשיכטע און דירעקטאָר פון היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע. ער לעבט אין פּוילן, אין אַ לאַנד, וואָס איז אונטערן „אייזערנעם־פאָרהאַנג״ און דאָרט איז אַנגענומען, אַז אַלץ וואָס מען שרייבט און שאַפט אין מערב איז טרפה און פּסול. נישט געקוקט דערויף האָט ב. מאַרק געשריבן, אין „יידישע שריפטן״, נר. 273, 1960, וואָס דערשיינט אין פּוילן, פאָלגנדעס: „ד״ר פיליפּ פרידמאַן איז געווען אַ גרינטלעכער פאָרשער. אַ פאַקט, וואָס איז דורך אים פעסט־געשטעלט געוואָרן, איז געווען פעסט און זיכער אונטערגעבויט מיט אומאָפּפרעגלעכע היסטאָרישע באַווייזן, דאָקומענטן און מאַטעריאַלן״.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן האָט באַטראַכט זיין פאָרשונגס אַרבעט וועגן דער חורבן תקופה ווי אַ הייליקע אויפגאַבע, ווי אַ קדושה. ביים שרייבן זיינע פילצאָליקע אַרבעטן האָט ער אויפסניי איבערגעלעבט די געשעענישן, די גרויל־טאָטן אין דער נאַצי עפּאָכע. זיינע ברייט פאַרצווייגטע אַקטיוויטעטן זיינען ווייט, ווייט איבערגעשטיגן זיינע פיזישע מעג־לעכקייטן, האָט זיין האַרץ מער נישט געקענט אויסהאַלטן און איז געפאַלן ביי דער אַרבעט ווי אַ קדוש און מאַרטירער. דעם געדאַנק ברענגט צום אויסדרוק לייב שפּיזמאַן אין די פאָלגנדע ווערטער: „האָט זיך ד״ר פיליפּ פרידמאַן איינגעשפּאַנט אין דער הייליקער אַרבעט, באַוויזן אַ סך צו דערגרייכן, אָבער געפאַלן אין מיטן פון זיין אָנשטרענגונג״. („פאָלק און וועלט״, 1960).

זער טרעפליך האָט ס. דינגאָל אין „טאָג״ פון פעברואַר 13, 1960, כאַראַק־טעריזירט ד״ר פיליפּ פרידמאַן אין פאָלגנדע ווערטער: „ער איז געווען דער איידלסטער צווישן מענטשן. ער האָט געטראָגן זיין ערודיציע מיט באַשיידנקייט. זיינע ביכער האָבן אַרויסגערופן גרויסע שבחים ביי אַלע היסטאָריקער״.

ד״ר פיליפּ פרידמאַן איז געווען רעדאַקטאָר און קאָ־רעדאַקטאָר פון אַ גאַנצע רייע פּובליקאַציעס אין וועלכע ער איז געווען מיטבאַטייליקט מיט די הויפּט אַרבעטן. זאָלן דאָ אויסגערעכנט ווערן עטלעכע און נעמליך: „אונדזער לעבן״ (דערשינען אין העברעייש און פּויליש) צוויי־חדשים׳דיקער זשורנאַל דערשינען אין לאָדזש אין די יאָרן 1928—1932. „לאָדזשער וויסנשאַפטלעכע שריפטן״, אַרויסגעגעבן דורך דער געזעלשאַפט פריינד פון „ייוואָ״ אין לאָדזש אין יאָר 1938. נאָך דער מלחמה געווען דער רעדאַקטאָר פון די אויסגאַבן פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן. „שריפטן פאַר ליטעראַטור, קונסט און געזעלשאַפטלעכע פראַגן״, אַרויסגעגעבן דורך דעם שרייבער פאַרבאַנד פון דער שארית הפליטה אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד, מינכן 1948. „המשך״, זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, קונסט און סאָציאַלע פּראָבלעמען, אַרויס־געגעבן דורך דעם באָארד פאַר דערציאונג און שרייבער פאַרבאַנד אין דער אַמעריקאַנער זאָנע אין דייטשלאַנד, מינכען 1949. „ייוואָ״ בלעטער, באַנד 37, געווידמעט: „די תקופה פון לעצטן חורבן״, ניו־יאָרק 1953. יעקב שאַצקי (אָנדענק־בוך) אַרויסגעגעבן דורך דעם קלוב פון פּוילישע יידן אין ניו־יאָרק, 1957.

ד״ר פיליפ פרידמאַן איז געווען אַ לינגוויסט, אַ שפּראַכן קענער. דער בעסטער באַווייז פאַר דעם איז דאָס קאָלאָסאַלע בוך: „וועג־ווייזער צו דער ידישער געשיכטע אונטער דער נאַצי אונטערדריקונג״, וואָס איז אויפגעבויט אויף אַ היסטאָרישער ליטע־ראַטור אין פיר און צוואנציק (24) שפּראַכן.

ד״ר פיליפ פרידמאַן איז אין אַלעגאָרישן זין געווען אַ גייסטיקע זון אין וועמענס זוניקע שטראַלן עס האָבן זיך אויסגערייפט זיינע יינגערע קאָלעגן היסטאָריקער און פילצאָליקע סטודענטן.

זאָלן די באַשיידענע ווערטער פון דעם קורצן ביאָ־ביבליאָגראַפישע איבערבליק צו דעם צווייטן יאָרצייט פון ד״ר פיליפ פרידמאַן ז״ל זיין ווי ליכטלעך צו דעם גרויסן נר־תמיד, צו דער גרויסער גייסטיקער ירושה, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט.

# ביבליאָגראַפיע

## אָרענשטיין ד״ר בנימין.

**ד״ר פיליפּ פרידמאַן אַ גאַסט אין מאָנטרעאַל.** „קענעדער אָדלער״ מאָנטרעאַל, דינסטיק פעברואַר 28, 1950.

**ד״ר פיליפּ פרידמאַן׳ס בוך „אַשוויענטשים״.** „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאַל, מאָנטיק אָקטאָבער 9, 1950.

**מאַרטירער און קעמפער.** „קענעדער אָדלער״ מאָנטרעאַל, מאָנטיק אַפּריל 26, 1954; „דאָס וואָרט״, חודש זשורנאַל, מאָנטרעאַל, מאַי 1954, זיבעטער יאָרגאַנג, נומער 5; „דער אידישער זשורנאַל, טאָראָנטאָ, מאַי 2, 1954.

**„די צוואה״.** איינמאַליקע אויסגאַבע פון פאַרבאַנד פון וואַרשעווער יידן אין מאָנטרעאַל, מאַי 1954.

**די תקופה פון לעצטן חורבן.** „יוואָ״, 37 באַנד (באַהאַנדלט ד״ר פרידמאַן׳ס שטודיע: „דער לובלינער רעזערוואַט און דער מאַדאַגאַסקאַר פּלאַן) „דער אידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, דינסטיק 15 יוני, 1954; „קענעדער אָדלער״ מאָנטרעאַל, יולי 12, 1954.

**יזכור בוך כעלם.** (באַהאַנדלט צווישן אַנדערע ד״ר פיליפּ פרידמאַן׳ס „צו דער געשיכטע פון יידן אין כעלם״), „דער אידישער זשורנאַל״, טאָראָנטאָ, דאָנערשטיק נאָוועמבער 17, 1955.

**ד״ר פיליפּ פרידמאַן** (צו זיין באַזוך אין מאָנטרעאַל), „קענעדער אָדלער״ מאָנטרעאַל, דאָנערשטיק אָקטאָבער 2, 1958.

**באַציאונגען צווישן פעלקער** (וועגן בוך „דהעיר בראַדהערס קיפּערס״), „קענעדער אָדלער״, מאָנטרעאַל, מאָנטיק מערץ 23, 1959.

**ד״ר פיליפּ פרידמאַן ז״ל** (צו די שלושים) „קענעדער אדלער״, מאָנטרעאַל, מערץ 7, 1960.

**אין אָנדענק פון ד״ר פיליפּ פרידמאַן ז״ל.** „דער אידישער זשורנאל״, 30 יאַנואַר, 1962.

**ד״ר פיליפּ פרידמאַן ז״ל.** פּאָעמע — „יום־טוב־בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, חנוכה נומער, 1960.

## אָרענשטיין ד״ר בנימין.

**ד״ר פיליפ פרידמאַן — היסטאָריקער און אויפזאַמלער פון דער חורבן־ליטעראַטור.** „יום־טוב־בלעטער״, יאָהאַנעסבורג, חנוכה נומער, 1960.
„וועלט־זשורנאַל״, תל־אביב, אויגוסט 8, 1961.

**ד״ר פיליפ פרידמאַן — הויפּט פאָרשער פון דער חורבן־עפּאָכע.** (צו דער ערשטער יאָרצייט), „קענעדער אדלער״, מאָנטרעאַל, יאַנואַר 23, 1961.

**די געשיכטע־פאָרשונג וועגן דער חורבן־עפּאָכע.** (וועגן בוך: גאַיד טו דזשואיש היסטאָרי אַנדער נאַצי אימפּאַקט). „קענעדער אדלער״, מערץ 13, 1961.
„יום־טוב־בלעטער״, שבועות נומער, 1961.

**אין אָנדענק פון ד״ר פיליפ פרידמאַן.** (צו דער צווייטער יאָרצייט) „קענעדער אדלער״, פעברואַר 2, 1962.

## טרויער־רעדעס

שלושים אַקאַדעמיע. איינגעאָרדנט דורך דעם יידישן קולטור קלוב אין מאָנטרעאַל. מערץ 6, 1960. פאָרגעקומען אין האַלל אויף עספּלענייד 5101.

מצבה אַנטהילונג. פאָרגעקומען נאָוועמבער 13, 1960, אויפן בית־עלמין אין ניו־דזשוירזי, נאָוועמבער 13, 1960.

ערשטע יאָרצייט אַקאַדעמיע. איינגעאָרדנט דורך דעם יידישן קולטור־קלוב אין מאָנטרעאַל. פאָרגעקומען פעברואַר 11, 1961, אין יאַנג־איזראַעל סינאַגאָג, מאָנט־רעאַל־סיינט־לאָראַן.

צווייטע יאָרצייט אַקאַדעמיע. איינגעאָרדנט דורך דעם קולטור־קלוב און טשענסטאָ־כאָווער לאַנדסמאַנשאַפט אין מאָנטרעאַל. פאָרגעקומען פעברואַר 10, 1962, אין סאָשל־האַלל פון סנאָודן „וואַי״, מאָנטרעאַל, 5500 וועסטבורי עוועניו, מאָנטרעאַל.

**דינגאָל ס.** „די וואָך אין יידישן לעבן“. „דער טאָג“, ניו יאָרק, פעברואר 13, 1960.

**יאַסני וואָלף.** ד״ר פיליפּ פרידמאַן ז״ל. „לעצטע נייעס“. תל־אביב, פעברואַר 12, 1960.

**לייוויק ה.** „גייסט פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד“. „דער טאָג“, ניו־יאָרק, מאַי 2, 1953.

**מאַרק בערל.** „נישטאָ מער פיליפּ פרידמאַן“. „יידישע שריפטן“, נר. 3־2, לאָדזש 1960.

„פאַקטן און מיינונגען“, נר. 171, ניו־יאָרק, מערץ 1960.

**פרידמאַן ד״ר פיליפּ.** „זאַגלאָדאָ זשידווו לוואָווסקיך“. צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע. לאָדזש 1945, 38 זייטן.

„חורבן יהודי לבוב“. אנציקלופדיה של גלויות, ירושלים־תל־אביב, 1956, פון זייט 601 ביז 748.

„דער חורבן פון פוילישן יידנטום“. בילדער אַלבום. צענטראַלע היסטאָרישע קאָמיסיע. לאָדזש 1945, 252 בילדער.

„דהע עקסטערמינייישן אָוו דהע פּאָליש דזשוס“. ביולעטין פון דער פוילישער רעגירונגס קאָמיסיע באַנד 1. וואַרשע 1946, פון זייט 167—125.

„זאַגלאָדאָ זשידווו פּאָלסקיך“, פאַרלאַג „איבערגאַנג“, מינכן 1947, 40 זייטן.

„דער אומקום פון די יידן אין מזרח גאַליציע“, „פון לעצטן חורבן“, נר. 4, מערץ 1947, זייטן 13—1.

„דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט ביי דער שארית הפליטה אין דייטשלאַנד“. „צוקונפט“. ניו־יאָרק, מערץ 1949.

„אָשוויענטשים“. פאַרלאַג: צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע, בוענאָס־איירעס, 1950, 224 זייטן.

## פרידמאַן ד״ר פיליפ

„**מחקר וספרות השואה באמריקה**״. בית לוחמי הגיטאות ע״ש יצחק קצנלסון. ישראל 1961, 18 זייטן.

„**צו דער געשיכטע פון יידן אין בעלכאַטאָוו**״. (בעלכאַטאָוו יזכור־בוך) פאַרלאַג: פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע. בוענאָס־איירעס, 1951.

„**יידישער ווידערשטאַנד קעגן דער נאַצי־הערשאַפט**״. „אידישער קעמפער״, ניו־יאָרק, אַפּריל 3, 1953.

**דער לובלינער רעזערוואַט און דער מאַדאַגאַסקאַר פּלאַן**. „ייוואָ בלעטער״, באַנד 37, ניו־יאָרק, 1953.

„**יזכור־בוך כעלם**״. יאָהאַנעסבורג, 1954.

„**מערטירס ענד פייטערס**״. ע׳. פּרייגער פּאַבלישער, ניו־יאָרק, 1954.

„**אַ שפּאָגל נייע אויסטייטשונג פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד**״. „צוקונפט״, ניו־יאָרק, נומער 4, 1954.

**אַלעקסאַנדער הערץ און יוסף ל. ליכטען**. „יעקב שאַצקי צום אָנדענק״. קלוב פון פוילישע יידן. ניו־יאָרק, 1957.

„**דהעיר בראדהערס קיפערס**״. קראַון פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1957.

„**טשענסטאָכאָוו**״. פאַראייניקטער רעליף קאָמיטעט, ניו־יאָרק, 1958.

„**בעיות מוקדמות ומיתודולוגיות בחקר תקופת השואה**״. „יד־ושם״, ירושלים, 1958.

**און ראַבינסאָן ד״ר דזשייקאָב**. „**גאַיד טו דזשואיש היסטאָרי אַנדער נאַצי אימפּאַקט**״. „יד־ושם״ אין ירושלים און „ייוואָ״ ניו־יאָרק, 1960.

„**יידן אין אוקראַינע**״. ניו־יאָרק, 1961.